בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

חַג הַסֻּכּוֹת

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מֶעג מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?........................................ א

פַאַרְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן?.................... ג

אַ בְּרָכָה אִין זְכוּת פוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר?........................................ ד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


סֵדֶר הַנְסִיעָה אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת ה'תשפ"ה........................................ א

וואוּ אִיז עֶר בַּאהַאלְטְן?........................................ יט

קָאכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקַייט........................................ כא

דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם אִיז נָאר פַאר פְּרוֹיעֶן אִין דִי קְהִילָה........................................ כב

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי עֶלְנְד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם........................................ כג

אִיר הָאט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, וַוארְפְט אַוֶועק דִי סְמַארְטְפָאוֹן פַאר זֵיי........................................ כד

נִישְׁט זִיךְ טַעְנָה'ן, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן........................................ כה

דִי סמ'טֶעלֶעפָאוֹן וָואס קְלֶעבְּט מֶער וִוי דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע קְלֶעבּ........................................ כו

אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיוּת אוּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת אִין אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן........................................ כז

זֵיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן........................................ כח

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד........................................ כט

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועסְטוּ רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן........................................ כט

אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער........................................ ל

וויפִיל דִי הַנְהָלָה אִין שְׁטֶעטְל גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם..................ל
הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה אִינֶעם טָאג פוּן רֶבִּינְ'ס יָארְצַייט..............................לא
דִי שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין אוּמַאן..................לב
נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה פוּן הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים...........................לג
מְקַרֵב זַיין דִי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶר'טֶעס...................לג
דִי שִׁידוּךְ אִיז שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט נָאךְ פוּן פַארְן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן......................לד
רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית.........................................לה
מִנְהָגִים פוּן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר.........................................................לו
מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אַרָאפְּגֶעשְׁלִינְגֶען אַז דוּ בִּיסְט בַּיים רֶבִּי'ן..........................לז
אִיךְ וִויל דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן.............................................................לח
תשפ"ה אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: תְּ'הֵא שְׁ'נַת פַּ'שְׁטוּת הַ'יַהֲדוּת..............................לט
אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין סוּכּוֹת.......................................מא
גֶעבּ נָאךְ, בֶּעט אִיבֶּער, פַארְגִין אוּן פַארְגֶעבּ.............................................מא
דִי כַּוָּנוֹת הַנַּעֲנוּעִים.......................................................................מב
וָואס ווִילְסְטוּ פוּן דַיין וַוייבּ? זִי אִיז דִיר עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג?!..........................מד
זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אִין דִי סוּכָּה.......................................................מה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַאכְן וָואס לִיגְן מִיר אוֹיפְן הַארְץ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל פַּאר אַ שִׁידוּךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אוּם שַׁבָּת מֶעג מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין נָאר אוֹיף רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן, נִישְׁט אוֹיף גַשְׁמִיּוּת, אָבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַלֶעס אִיז רוּחָנִיּוּת, וַוייל אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל חִיזוּק אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ; אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ וויל שוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶס קוּמְט מִיר כְּסֶדֶר אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז עֶס וֶועט מִיר נֶעמֶען נָאךְ זֵייעֶר לַאנְג צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, פַארְוָואס זָאל מִיךְ אֵיינֶער בִּכְלַל וֶועלְן? אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט מַחֲשָׁבוֹת.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן, עֶס וֶועט מִיךְ מַמָּשׁ אוֹיפְלֶעבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען מֶעג שַׁבָּת רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֵויינֶען מֶעג מֶען - אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס פוּן נָאנְטְקֵייט אוּן פוּן בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה; הוּבָא בְּבֵית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפח), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא פְלֶעגְט וֵויינֶען שַׁבָּת בַּיים דַאוֶוענֶען, ווַייל עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענִיגְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן שִׂמְחָה אוּן פוּן בֶּענְקֶענִישׁ. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן, פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז אוֹיבּ דָאס בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען אִיז אַן עֹנֶג שַׁבָּת - מֶעג מֶען (טוּרֵי זָהָב סִימָן רפח, סְעִיף קָטָן ב).

נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט אֵיינְס כִּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קוּמְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אַ שִׁידוּךְ וְכוּ'; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת, אוּן זָאג יֶעדְן טָאג דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים". דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיז סוֹף סֶדְרָה; דָאס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה - קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אוּן פְּרוּבִּירְט אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער לֵיידֶער בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיךְ דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ אָנְצוּהוֹיבְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ בִּין אַזַא גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה אַז אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ אִים; אִיךְ צִיטֶער וָואס פַאר אַ סָארְט יָאר אִיךְ וֶועל הָאבְּן דָאס יָאר.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מְחַזֵק זַיין, אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן, וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, מִיט וָואס אִיךְ דַארְף זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ גֶעדֶענְק יָארְן צוּרִיק וֶוען אַ גַאנְצֶע חֲבוּרָה אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט מוֹהֲרְנַ"ת דֶעמָאלְט זֵיי גֶעזָאגְט: "עֶנְק זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן; וַוייל אַז מֶען וִויל קוּמֶען, מֶען טוּט אַלֶעס צוּ קוּמֶען אוּן מֶען אִיז אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ קוּמֶען - אִיז דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן".

צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט, נֶעם נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם קַיין שְׁלֶעכְטֶע רְמָזִים כְּאִילוּ דֶער רֶבִּי דַארְף דִיךְ נִישְׁט, דֶער רֶבִּי דַארְף דִיךְ יָא, דֶער רֶבִּי זָארְגְט פַאר

דִיר, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): "מַה לָּכֶם לִדְאֹג", וָואס זָארְגְט אִיר? "מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם", אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ, אִיךְ בִּין אַייךְ מְתַקֵן; עַיֵין שָׁם.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן מִיטְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ"ן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶוערְט מֶען צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פוּנֶעם יָאר אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ בְּרָכָה אִין זְכוּת פוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִיךְ הָאב זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר פוּן קָאפּ לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר.

אִיךְ הָאב זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס רֶעדְט נָאכְאַנַאנְד פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר, ווִי חָשׁוּב דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין זְכוּת פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּן מַיין מַאן.

אִיךְ הָאב אִין מַיין לֶעבְן נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן אַזַא גְרוֹיסֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן. וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט בַּיי שִׁיעוּרִים אַז אֲפִילוּ מֶען הַאלְט נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי, זָאל מֶען כָאטְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, הָאב אִיךְ אֲפִילוּ דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען גוּטֶע בְּרָכוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת אַייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן, אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר - זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דִי רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״; אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּב, עֶס זָאל זַיין פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**סֵדֶר הַנְּסִיעָה אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת ה׳תשפ״ה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן נַאכְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שֵׁיין אוּנְזֶער יוֹם טוֹב אִיז גֶעוֶוען; דִי דַאוֶוענֶען, דִי שִׂמְחָה, דִי אַחְדוּת, דִי הֵיילִיגֶע אַטְמָאסְפֶער, דִי שִׂמְחוֹת אוּן דִי בְּכִיּוֹת; וֶוען דִי אַנְשֵׁי הַמֶּלֶךְ טְרֶעפְן זִיךְ אִינְאֵיינֶעם, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן, דָאס דַארְף מֶען אַלֵיין מִיטְהַאלְטְן.

עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן נָאר בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער בִּיסְט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּמֶען; אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז דָא מוֹרָא צוּ הָאבְּן צוּ רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי׳ן? וָואס הֵייסְט דִי וַוייבּ זָאגְט ׳רֶעד נִישְׁט פוּן רֶבִּי׳ן׳? וָואס הֵייסְט דִי וַוייבּ זָאגְט ׳רֶעד נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן בְּרֶסְלֶב׳? שָׁלוֹם בַּיִת מֵיינְט נִישְׁט אַז וָואס דִי וַוייבּ זָאגְט - טוּט מֶען, דָאס מֵיינְט זַיין אַ שְׁמַאטֶע, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דִי וַוייבּ זָאגְט ׳רֶעד נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב׳ - זָאגְט מֶען פַאר דִי וַוייבּ: ״מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אוּן פַארְוָואס זָאלְסְטוּ מִיר זָאגְן אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן? אִיךְ ווִיל יָא רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן אוּן אִיךְ ווִיל יָא זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן הֶעלְפְן אוּן קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין, אַ רֶבִּי וָואס הָאט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֵצוֹת פַאר יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן״.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס עֶס מֵיינְט שָׁלוֹם בַּיִת, נָאכְדֶעם וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן, פוּן נִישְׁט וֵויי טוּן דִי וַוייבּ, אִיז גֶעוָוארְן אַ טָעוּת אַז מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דִי וַוייבּ, מֶען לָאזְט זִיךְ טְרֶעטְן, מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ; נִישְׁט דָאס הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעמֵיינְט, אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נִישְׁט דָאס, מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן דִי וַוייבּ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִיר נִישְׁט שֵׁיין, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים אוּן אִיר לָאזְן אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אָבֶּער אַז דִי ווִיל נִישְׁט אִיר מַאן זָאל גֵיין דַאוֶונֶען אִין בְּרֶסְלֶב וַוייל זִי הָאט גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זִי ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל הֶערְן שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן לֶעבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן וָואס זִי זָאגְט, מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן רֶעדְן מִיט אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט, וַוארֶעם אוּן הַארְצִיג: "מַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אוּן אִיךְ גֵיי צוּם רֶבִּי'ן וַוייל דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, אוּן אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מַסְכִּים זַיין צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין בֵּית פֵיגָא וָואס גְרֵייט אָן וָואס לֶעבְּן אִיז, אַ פְּלַאץ וָואס מֶען לֵייגְט נִישְׁט אַרַיין דִי קִינְדֶער אִין אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן פוּן גֶעפֶעלְן פַאר אַנְדֶערֶע, מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי גֶעזוּנְט".

**אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן מַמָּשׁ אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל פוּן אוּנְזֶער נְסִיעָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן**

דִי יָאר בִּין אִיךְ גֶעפָארְן פוּן פַאר שַׁבָּת, וַוייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּקוּמֶען אִין אוּמַאן אָן אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן אֵיין נַאכְט פַאר לֵיל זְכוֹר בְּרִית, וַוייל פוּן לֵיל זְכוֹר בְּרִית הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי מִיר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה פוּן אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן, דַאוֶונֶען, תְּקִיעוֹת אוּן גֶעבְּן דְרָשׁוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן הֱיוֹת דִי נְסִיעָה אִיז גָאר לַאנְג, מֶען דַארְף פָארְן צוּ אַן אַנְדֶערֶע מְדִינָה אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ שְׁלֶעפְּן צֶוועלְף-דְרַייצְן שָׁעוֹת - בִּין אִיךְ גֶעפָארְן פְרִיעֶר.

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ פַארְנַאכְטְס, אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער נַחְמָן נָתָן, יִצְחָק דָוִד, הֶערְשְׁל אוּן יוֹסֵף, מִיט נָאךְ אַפָּאר אִינְגֶעלַייט וָואס גְרֵייטְן אָן דִי סְעוּדוֹת מִיט דִי בִּנְיָן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין

אוּמַאן; הֶענִיךְ אִינְדִיג, יְחֶזְקֵאל סַאמֶעט, שְׁלֹמֹה יַאקָאבָאוִויטְשׁ, מוֹשִׁי אֵיינְהָארְן, לֵייבִּי אַפֶּעל, אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ פְרִידְרִיךְ מִיט נָאךְ צְוֵויי דְרֵיי בָּחוּרִים.

דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אוּן מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי אִין וַוארְשֶׁע. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית אִין עֶירְפָּארְט, אוּן פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן אַפָּאר שָׁעָה מִיט אַ בָּאס קַיין לִיזֶענְסְק, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אִין לִיזֶענְסְק.

מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן זִיךְ גֶעגְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת, פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אוּן קַבָּלַת שַׁבָּת בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אֵיידֶער אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן בִּין אִיךְ זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגֶענֶען בַּיי מַיין טַאטְן קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ מֶען קֶען דַאוֶוענֶען שַׁבָּת בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיבּ עֶס אִיז בִּבְחִינַת מִירוֹן אוּן אוּמַאן וָואס מֶען גֵייט אוֹיךְ שַׁבָּת צוּם צִיּוּן, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אַוַדַאי", עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט מַעֲשֶׂה רַב, פוּן מַיין זֵיידֶע רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן; עֶר אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת פָּרָה אִין לִיזֶענְסְק, אַ וָואךְ פַאר עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִנְחָה אוּן קַבָּלַת שַׁבָּת אוּן גֶעטַאנְצְן דָארְט לְכָה דוֹדִי, אַזוֹי וִוי אִין מִירוֹן, אוֹיף דֶעם סְמַךְ הָאבְּן מִיר אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטוּן; גֶעדַאוֶוענְט בַּיים צִיּוּן אוּן גֶעטַאנְצְן לְכָה דוֹדִי מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען וִוי אַזוֹי מִיר זֶענֶען, וִוי סַאךְ מִיר דַארְפְן נָאךְ פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אָבֶּער בְּכֹחַ הַצַּדִּיקִים וֶועלְן מִיר נִישְׁט פַארְפַאלְן גֵיין, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דִי גֶעפִילְן וָואס מֶען הָאט דָארְט גֶעשְׁפִּירְט.

מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים וֶועט עֶפֶּעס בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצד), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט אַלְץ גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין תִּיקוּן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר אִיז פוּן דִי כִּתָּה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז.): "יוֹרְדִין לַגֵּיהִנֹּם",

מֶען וֶועט זֵיי לֵייגְן אִין גֵיהִנוֹם, "וְנִידוֹנִין בָּהּ י"ב חוֹדֶשׁ", פַאר צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, "לְאַחַר י"ב חוֹדֶשׁ", אוּן נָאךְ צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, "גּוּפָן כָּלֶה", וֶועט דִי קֶערְפֶּער וֶוערְן אוֹיס, "וְנִשְׁמָתָן נִשְׂרֶפֶת", אוּן מֶען וֶועט פַארְבְּרֶענֶען זֵייעֶר נְשָׁמָה, "וְרוּחַ מְפַזַּרְתָּן", אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אַ ווִינְט אוּן אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן דִי אַשׁ "תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלֵי צַדִּיקִים", אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג, כא): "וְעַסּוֹתֶם רְשָׁעִים כִּי יִהְיוּ אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלֵיכֶם", דִי אַשׁ וֶועט גֵיין אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן דִי צַדִּיקִים; הָאט דֶער צַדִּיק זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶוען, אַז כָּאטְשִׁיג וֶועט דִי אַשׁ פוּן זַיין קֶערְפֶּער זַיין אִין גַּן עֵדֶן אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן צַדִּיקִים, דֶער צַדִּיק הָאט גֶעזָאגְט: "'נִישְׁט' - וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין פוּן מִיר", עֶפֶּעס וֶועט יָא אִיבֶּערְבְּלַייבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אִים צוּ לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֶענֶען בַּיי זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן זֵיי דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין, אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן רֶבִּי נָתָן פִירְט אוֹיס (שָׁם): "וְהַנִּרְאֶה מִדְּבָרָיו", ווִי עֶס זֶעט מִיר אוֹיס, "שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים הֶחֱיָה עַצְמוֹ בָּזֶה", אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַלֵיין מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם, "וְנִתְרַצָּה גַּם לָזֶה", אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם, "שֶׁאֲפִילוּ אִם חַס וְשָׁלוֹם יִהְיֶה כָּךְ", אַז אֲפִילוּ עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים, "הוּא מְרֻצֶּה לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בַּמֶּה שֶׁיּוּכַל", אִיז עֶר וַוייטֶער גְרֵייט צוּ בְּלַייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וָואס עֶר וֶועט נָאר קֶענֶען, "לַחֲטֹף כָּל יְמֵי חַיָּיו", אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן ווִי לַאנְג עֶר לֶעבְּט, "וַה' הַטּוֹב יַעֲשֶׂה עִמּוֹ מַה שֶּׁיַּעֲשֶׂה כִּרְצוֹנוֹ הַטּוֹב", אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט וֶועלְן מַאכְן מִיט אִים וָואס עֶר וֶועט וֶועלְן - אִיז עֶר גְרֵייט; וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוֹיבּ מֶען ווִיל גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אָנְהוֹיבּ בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם צִיּוּן אִין לִיזֶענְסְק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען פַארְהַאקְט אוּן פַארְמַאכְט, אִיךְ הָאבּ קוֹים גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען מַיין מוֹיל אַרוֹיס זָאגְן אַ וָוארְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אֵיין זַאךְ: "בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ", בִּיז בְּחֶמְלַת הַשֵּׁם אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי לִיכְטִיג, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

דִי סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן בַּאזוּנְדֶער, דִי עֶסְן אִיז גֶעוֶוען מִיט דִי הֶכְשֵׁר פוּן כְּדַתְיָא, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין לַאנְגֶע סְעוּדָה, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי וֶועג.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים פַאר אַפָּאר שָׁעָה, אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט יֶעדֶער אֵיינֶער דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, תִּיקוּנִים וְכוּ׳, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט זִיךְ אַ זֶעקֶל סְפָרִים, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט זַיינֶע אוֹצְרוֹת. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט אִין דִי דִירָה וואוּ מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אוּנְזֶער סֵפֶר תּוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע סֵפֶר תּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט פַאר דִי קְהִילָה פַאר פוּפְצְן יָאר צוּרִיק.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט בִּיז מֶען וֶועט עֶפֶענֶען דִי צִיוּן, דֶער גַבְּאַי אִין לִיזֶענְסְק פַארְשְׁפַּארְט יֶעדְן שַׁבָּת פוּן פַארְטָאגְס בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער דֶעם בֵּית הַחַיִּים, וַוייל עֶס קוּמֶען צוּ פָארְן טוּרִיסְטְן, אִידִישֶׁע אָפְּשְׁטַאמִיגֶע - צוּם בֵּית הַחַיִּים, אוּן עֶס אִיז חִלּוּל שַׁבָּת, דֶערִיבֶּער פַארְמַאכְט עֶר דֶעם בֵּית הַחַיִּים. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיים פֶענְסְטֶער פוּן מַיין שְׁטוּב אוּן גֶעקוּקְט יֶעדֶע פָּאר מִינוּט וֶוען דֶער גַבְּאַי וֶועט עֶפֶענֶען דֶעם בֵּית הַחַיִּים, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען עֶפֶענֶען דִי בֵּית הַחַיִּים בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרִיבֶּער צוּם צִיוּן הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען, גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה אִין דִי דִירָה, גֶעגֶעסְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן גֶעמַאכְט הַבְדָּלָה. מוֹצָאֵי שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעפָארְן דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה מִיט אַ בָּאס פַאר לַאנְגֶע לַאנְגֶע שָׁעוֹת, דִי נְסִיעָה אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה, בַּיים גְרֶענִיץ הָאט מֶען אוּנְז אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר צְוֵויי שָׁעָה, מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת.

מִיר הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען אִין מֶעזִיבּוּז בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נָאךְ פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן וֶוען מִיר הָאבְּן

גֶעזֶען אַז מִיר וֶועלְן אָנְקוּמֶען נָאכְן עֲלוֹת - הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת אוֹיפְן בָּאס, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת בַּיי סְלִיחוֹת, וִוי מִיר בֶּעטְן זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּט יָאר און אוּנְז נִישְׁט מִשְׁפָּט'ן לוֹיט אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים.

## א' הַאֲזִינוּ

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין מֶעזִיבוּז אַבִּיסְל פַאְרן נֵץ הַחַמָּה, מִיר הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען שַׁחֲרִית, אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער חֲבוּרָה זֶענֶען קוֹדֶם גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אִיךְ בִּין גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוְונֶען וָתִיקִין, נָאכְן דַאוְונֶען הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער הָאט דָארְט אָנְגֶעצִינְדְן הוֹיךְ אוֹיף זַיין טֶעלֶעפָאן שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע הַארְצִיגֶע מוּזִיק, דִי הַארְצִיגֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּן וָואס מֶען פִירְט דִי צַדִּיקִים אִין 'גַן עֵדֶן', עֶס אִיז דָא אַ יֵשׁ אוֹמְרִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעמַאכְט דֶעם נִיגוּן, דִי נִיגוּן הָאט מִיר צֶערִיסְן דָאס הַארְץ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט גוּט אוֹיסְוֵויינֶען בַּיים צַדִּיק, מַאכְן וִידוּי דְבָרִים, אוּן בֶּעטְן פַאר מִיר אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אָן אַ שִׁיעוּר בָּחוּרִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען אִין מֶעזִיבוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן סְפָרִים וָואס גֶעבְּט זֵיי חַיּוּת אוּן לֶעבְּן, אוֹיךְ אִיז אַ בָּחוּר צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר פְרֶעגְן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מְחַיֵּ' זַיין מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע צַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת, בִּיז זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דִי זְקֵנִים אִין בְּרֶסְלֶב זָאגְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אוּן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת, זָאגְן גְמָרָא - אִיז נָאר פַאר שְׁוַואכֶע, עֶס אִיז נָאר אַ בְּדִיעֶבַד, "בִּיז אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, אוּן יֶעצְט אִיז מִיר אַלֶעס פַארְלָאשְׁן, אִיךְ פַאל אוּן פַאל..." אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי צוּרִיק צוּ דַיין מַשְׁפִּיעַ אוּן זָאג אִים 'שְׁכֹּחַ פַארְן מִיר אָפְּשְׁנַיידְן מַיין חַיּוּת, שְׁכֹּחַ פַארְן מִיר צוּנֶעמֶען מַיין לֶעבְּן'".

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעקָאכְט הֶערְנְדִיג דָאס, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶענוּמֶען דָארְט אַז אִיךְ וֶועל מֶער רֶעדְן קֶעגְן דִי לֵצִים, דִי זְקֵנִים. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן דִי לֵצִים - וֶועט דַיין אַרְבֶּעט זַיין אוּמְזִיסְט, דוּ וֶועסְט רֶעדְן הוּנְדֶערְט דְרָשׁוֹת פוּן דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין לֵץ, אֵיין פַּארֶעךְ אוּן גֶעבְּן אֵיין מַאךְ מִיט דִי הַאנְט אַ תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל, אוּן גֶעבְּן אַ לַאךְ, אוּן דִי תַּלְמִידִים וֶועלְן אַלֶעס אָפְּלָאזְן".

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, דָארְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט גוּט אוֹיסְוֵויינֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דָארְט אַז אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נָאר גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, נִישְׁט זֶען גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן: "דוּ הָאסְט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט דִי סוֹד אַז אוֹיבּ מֶען זֶעט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז דָאס דִי אֵייגֶענֶע חִסָרוֹן, אַז מֶען זֶעט שְׁלֶעכְטְס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, אָדֶער וֵוייניג הִתְבּוֹדְדוּת", אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן רֶבִּי נָתָן זָאל זַיין פַּאר מִיר אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר, וַוייל רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל לִיגְן בַּיים טִיר פוּן בֵּית הַחַיִים, אַז אַלֶע נִפְטָרִים וָואס מֶען וֶועט בְּרֶענְגֶען צוּם בֵּית הַחַיִים זָאל מֶען אַרִיבֶּער פִירְן זַיין קֶבֶר אוּן עֶר וֶועט זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת אוּן זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר פַּאר זֵיי, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דָארְט: "זַיי פַּאר מִיר אוֹיךְ אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר, אוּן פַּאר אַלֶע אִידְן".

בַּיי רֶבִּי נָתָן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, וַוייל רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ הַארְץ פַּאר יֶעדְן אִיד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן אִיד", רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעמֶען אוּן גֶעהַאט אַ הַארְץ פַּאר אַלֶעמֶען, דָארְט בַּיי זַיין צִיוּן וֶוען מֶען מַאכְט הִשְׁתַּטְחוּת קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען.

וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן הָאט מֶען אוּנְז גֶעהֵייסְן אוֹיסְפַּאקְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ, דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, מֶען הָאט זִיךְ אִין אָנְהוֹיבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרִיגְן מִיט דִי פָּאלִיצֵיי אַז מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי פֶּעקְלֶעךְ, אָבֶּער נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט מֶען גֶעזֶען אַז

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרֵירָה און אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטְרְהַייט הָאט יֶעדֶער אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט דִי זֶעק און פֶּעק און אַרִיבֶּער דִי מַאשִׁינֶען זִיךְ בּוֹדֵק זַיין און מֶען אִיז אַרִיבֶּער, און מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען אָנְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען: ״אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ״.

נָאכְן פָארְן לַאנְגֶע שָׁעוֹת הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אִינְגֶעלַייט גֶענוּמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט מִיט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט; מִן הַבּוֹקֶר עַד הָעֶרֶב, אִין אַ הַייסֶע קָאךְ, וֶוערְנְדִיג אָנְגֶעגָאסְן און אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט דִי עֶסְן, אָן וֶוערְן בַּאצָאלְט, נָאר מִיט אֵיין כַּוָונָה ׳הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי בִּנְיָן פַאר דִי הוּנְדֶערְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, צוּרִיק טוּן פַאר דִי קְהִילָה וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן׳.

יִשְׂרָאֵל פוּקְס הָאט אוּנְז אָפְּגֶעוַוארְט מִיט פֵיינֶע עֶסְן, מִיט אַ גוּטֶע פְרִישְׁטָאג און מִיט אַ גוּטֶע נַאכְטְמָאל, עֶר הָאט אוּנְז זַייעֶר גֶעהָאלְפְן מִיט דִי הֶכְשֵׁר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער מַשְׁגִּיחַ אִין קָאךְ.

## ב׳ הַאֲזִינוּ

מָאנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט הֶענִיךְ צוּם בַּאנְק עֶרְלֶעדִיגְן פַּאפִּירְן אַז דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן זָאל זַיין לֶעגַאל, אִיךְ הָאבּ מִיט גֶענוּמֶען אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר תִּיקוּנִים, און בְּמֶשֶׁךְ וָואס מֶען הָאט דָארְט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַסַאךְ בְּלֶעטֶער תִּיקוּנִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט ׳וֵוי פַאר דִי וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, וָואס טוּעֶן זֵיי וֶוען מֶען דַארְף זִיצְן שָׁעוֹת אִין אָפִּיס און וַוארְטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳? אַזוֹיפִיל טֵייעֶרֶע צַייט וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, און וֶוען מֶען וֵוייסְט פוּן רֶבִּינְ׳ס דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, פוּן רֶבִּינְ׳ס וֶועג, לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער - קֶען מֶען אַזוֹיפִיל אַרַיינְכַאפְּן, אַזוֹיפִיל זִיךְ אַיינְקוֹיפְן גוּטְס בָּזֶה הָעוֹלָם׳.

אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן בַּאנְק בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן, מֶען הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט נָאר וֶוער עֶס צָאלְט שְׁטֵייעֶר, אִיךְ הָאבּ גֶעצָאלְט דִי פֶערְצִיג דָאלֶער און אַרַיין צוּם צִיוּן מִיט אַזַא שִׂמְחָה. אַלֶע יָארְן וֶוען אִיךְ קוּם צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיוּן הוֹיבּ אִיךְ אָן גְלַייךְ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אָבֶּער וָואס גֶעשֶׁעט, נָאךְ צְוֵויי דְרֵיי קַאפִּיטְלֶעךְ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף מַיין הַארְץ און אִיךְ הוֹיבּ

אָן רֶעדְן, זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין און זִיךְ גוּט אוֹיסְוויינֶען, און נָאכְדֶעם דַארְף אִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. דִי יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ הוֹיבּ בִּכְלַל נִישְׁט אָן זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, עֶרְשְׁט וֶועל אִיךְ נֶעמֶען שָׁלוֹם בַּיים רֶבִּי'ן און דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ און זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, און נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעוויינְט און אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַלֶעס וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְן הַארְץ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן יְשׁוּעוֹת, און נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען נָאנְט צוּם קֶבֶר און זָאגְן דָארְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

אִיךְ הָאבּ אַהֵיים שְׁפַּאצִירְט און זִיךְ וַוייטֶער מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי מְחַיֶּ'דִיג וֶוען מֶען קֶען גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דָאךְ דִי בְּרָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט (רַשִׁ"י וַיִּקְרָא כו, יב): "אֲטַיֵּיל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן", אִיךְ וֶועל שְׁפַּאצִירְן מִיט עֶנְק אִין גַּן עֵדֶן, דָאס אִיז וֶוען מֶען שְׁפַּאצִירְט און מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; דָאס אִיז טַעַם עוֹלָם הַבָּא, טַעַם גַּן עֵדֶן, דָאס אִיז וָואס דִי צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה אִין גַּן עֵדֶן, וְנֶהֱנִים מִזִּיו הַשְּׁכִינָה.

**ג' הַאֲזִינוּ**

דִינְסְטָאג פַארְטָאגְס זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען רוֹב עוֹלָם, מֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵייט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, דִי שִׂמְחוֹת אִיז גֶעוֶוען אֵין לְשַׁעֵר. אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעפָארְן נָאכְאַמָאל צוּם בַּאנְק עֶרְלֶעדִיגְן אַז דֶער בִּנְיָן זָאל זַיין לֶעגַאל, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט נָאךְ פַּאפִּירְן, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הָאט עֶס גֶעקֶענְט עֶרְלֶעדִיגְן.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן בַּאנְק הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם דְרַייוֶוער עֶר זָאל מִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן בַּיים גַאס שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן זִיךְ נָאכְאַמָאל מִתְוַודֶה גֶעוֶוען, נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ פָארְגֶעקוּקְט צְוֵויי בְּלַאט גְמָרָא, און צוּרִיק שְׁפַּאצִירְט צוּם בִּנְיָן.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט ׳וָואס טוּ אִיךְ אוֹיבּ ווילְדֶע הִינְט וֶועלְן קוּמֶען?׳ אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט פוּן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ, סִימָן י): "כְּשֶׁתִּשָּׂא אֶצְלְךָ אֲבָנִים הַנִּמְצָאִים עַל פְּנֵי הַשָּׂדֶה", אַז דוּ וֶועסְט מִיט נֶעמֶען שְׁטֵיינְדְלֶעךְ פוּן פֶעלְד, "תִּנָּצֵל מֵחַיּוֹת רָעוֹת", וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי ווילְדֶע חַיּוֹת; אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַפָּאר קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן ווילְדֶע הִינְט, הָאבּ אִיךְ גֶעוָוארְפְן פוּן דִי שְׁטֵיינֶער אוֹיף זֵיי, זֶענֶען זֵיי אַלֶע אַנְטְלָאפְן; שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַ יוּנְגֶער שֵׁיגֶץ אוּן גֶעוָוארְפְן אִין מַיין רִיכְטוּנְג אַ שְׁטֵיין, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפַאלְן אוֹיף מִיר.

פַאר מִנְחָה מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַבִּיסְל גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג אִין אוּמַאן אוּן נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף גֶעפִילְן וְכוּ׳, נָאר טוּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ וַואך נַאכְט, דֶער מַדְפִּיס, אוּן גַבְּאַי פוּן יְרוּשָׁלַיִם שִׁמְעוֹן עוֹזֵר נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁלִיחַ הַגָּאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה בְּרַאנְסְדָארְפֶער שְׁלִיטָ״א זָאל מַאכְן דֶעם בְּרִית. פַאר מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס אַ מָאדְנֶע זַאךְ אַז מֶען פָּארְט אַוֶועק פוּן אַ בְּרִית פוּן אַ קִינְד, מֶען מַאכְט אַ שְׁלִיחַ, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין, אַלֶע וָואס נֶעמֶען אַ מוֹהֵל אוּן מַאכְן נִישְׁט אַלֵיין דִי מִילָה, מַאכְן זֵיי אַ שְׁלִיחַ דֶעם מוֹהֵל, אוּן אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיין מַלְ׳עֶן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים י, טז): "וּמַלְתֶּם אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם", אִיז דָאךְ "הוּא קוֹדֶם".

## לֵיל זְכוֹר בְּרִית

בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת. אַבְרָהָם הֶערְשׁ דֶער גַבְּאַי פוּן שְׁטֶעטְל קְרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי הָאט פָארְגֶעזָאגְט סְלִיחוֹת, עֶר דַאוֶוענְט זִיס אוּן וַוארֶעם, נָאךְ סְלִיחוֹת הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ.

אִיךְ וִויל אַנְדֶערְשׁ מַאכְן פוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר שְׁנַת תשפ״ו הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, מֶען זָאל זָאגְן סְלִיחוֹת עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְטָאגְס, נִישְׁט בַּיי חֲצוֹת,

מִכַּמָּה טַעֲמִים. קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶוען דִי עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִין אוּמַאן וֶועט זַיין הַאלְבּ זֶעקְס - וֶועלְן מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת הַאלְבּ פִינְף, אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית וָתִיקִין, אוּן נָאכְדֶעם מַאכְן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ.

## עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה

נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אוּן עֶס אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ. אַזוֹי זָאגְט דָאךְ דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רי"ד) אַז עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל מֶען גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען חֵדֶר פַאר אַלֶע קִינְדֶער, דִי גֶעטְרֵייֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶענוּמֶען צוּם צִיוּן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אַפָּאר וֶוערְטֶער אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן, אִיךְ הָאבּ זֵיי דֶערְצֵיילְט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי מֶען שְׁרֵייט אוֹיפְן בֵּית הַחַיִּים בַּיי דִי קְבָרִים פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט ווִי אַ פְרוֹי שְׁרֵייט בַּיי דֶעם קֶבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "טַאטֶע! טַאטֶע!" מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנ"ו): "דוּ הֶערְסְט ווִי דִי פְרוֹי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶער קֵיינֶער הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיס, ווייל אִיר טַאטֶע אִיז בִּכְלָל נִישְׁט דָא, אָבֶער וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער צַדִּיק אִיז יָא דָארְט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ, ווייל וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּבּ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן 'טַאטֶע' וֶועל אִיךְ דִיךְ זִיכֶער הֶערְן, אַזוֹי וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן 'טַאטֶע', וֶועל אִיךְ דִיךְ הֶערְן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן".

## רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דִי לֶעצְטֶע תְּפִלָּה פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר, תְּפִלַּת מִנְחָה - בִּין אִיךְ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן צוּ מַעֲרִיב אִיז אַבְרָהָם הֶערְשׁ צוּגֶעגַאנְגֶען. עֶר הָאט זֵייעֶר הַארְצִיג גֶעדַאוֶוענְט, אוֹיךְ דִי תְּפִלָּה פוּן 'אָחוֹת קְטַנָּה' הָאט עֶר

גֶעזָאגְט מִיטְן נוּסָח וִוי מֶען פְלֶעגְט זָאגְן בַּיי מוֹהֲרָא"ש, זֵייעֶר אַ הַארְצִיגֶע נוּסָח, עֶס הָאט מִיר אַזוֹי צֶערִיסְן דָאס הַארְץ, אִיךְ הָאבּ קוֹים גֶעקֶענְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן זִיךְ שְׁטִיקְן מִיט גֶעוֵויין.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעווִינְטְשְׁן לְשָׁנָה טוֹבָה מִיט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט, מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ. מֶען הָאט גֶעזֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס הֶערְשְׁט צְווִישְׁן אַייךְ; דָאס קֶען מֶען זֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים קִיבּוּץ, דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדֶער מִיט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט צוּם צְוֵוייטְן.

מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין לַאנְגֶע סְעוּדוֹת, מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פְּרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס. בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פִיר דְרַייסִיג, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה אוּן גֶעלֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא אִינְאֵיינֶעם, אוּן אוּם זֶעקְס אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן, אַפָּאר הוּנְדֶערְט אִידְן אִינְאֵיינֶעם, גֶעזָאגְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועזְן.

דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר הַארְצִיג, זֵייעֶר שֵׁיין. בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן קְלֵיין אוּן טְרַאכְטְן 'וָואס וֶועט שׁוֹין אוֹיסְמַאכְן מַיינֶע תְּפִלּוֹת? וָואס וֶועט שׁוֹין אוֹיפְטוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער?' עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זִיךְ הַאלְטְן קְלֵיין וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בּוֹיעֶן אַ הוֹיז, דַארְט זָאל מֶען טְרַאכְטְן 'וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד צוּ בּוֹיעֶן אַזוֹי שֵׁיין? מַאכְן אַלֶע מָאדֶערְנֶע זַאכְן, וָואס פֶּעלְט עֶס אוֹיס? אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אִישׁ פָּשׁוּט, אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין דֶען וֶוערְד?' אוּן אוֹיךְ וֶוען מֶען קוֹיפְט אַ קַאר אוּן מֶען קֶען קוֹיפְן אַ קַאר פַאר דְרַייסִיג טוֹיזְנְט אָדֶער זֶעכְצִיג זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט, אוּן דֶער מוֹכֵר רֶעדְט אַיין מֶען זָאל נֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע אוּן בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלִיךְ פַאר זֶעקְס זִיבְּן יָאר, דֶעמָאלְט זָאל מֶען טְרַאכְטְן 'בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ', נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוֶוענֶען אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דָארְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עָנָיו.

עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טוּעֶן תְּשׁוּבָה, אַלֶע זֶענֶען זִיךְ מְקַבֵּל צוּ זַיין גוּט. אוֹיךְ הָאבּ מִיר דֶערְמַאנְט מֶען זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הָארֶץ.

תַּשְׁלִיךְ זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם אַ וֶועג פוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן נָאךְ תַּשְׁלִיךְ "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ", דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס.

מִנְחָה הָאט אַבְרָהָם הֶערְשׁ גֶעדַאוֶונְט, אוּן צְוִוישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען", אוּן (שָׁם, סִימָן תצא): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא בְּוַדַּאי אֵין צָרִיךְ לְהִתְעַנּוֹת כְּלָל", וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן מֶער, "מֵאַחַר שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", ווייל עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי וִויל, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ פַאר אַפָּאר מִינוּט, ווייל נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן; אַנְשְׁטָאט גֵיין צוּ דֶעם אוּן צוּ יֶענֶעם – זָאל מֶען זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל זַיין גוּט אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט נִישְׁט אָפּ, אוּן וַוארְפְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, נָאר דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ: "טַאטֶע הֶעלְף מִיר, טַאטֶע רַאטֶעוֶוע מִיר" – קֶען מֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

מַעֲרָבִית הָאט אַבְרָהָם הֶערְשׁ גֶעדַאוֶונְט.

## צְוֵוייטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה

אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַארְקִילְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קוֹל, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם הֶערְשׁ דֶער גַבְּאַי אִין שְׁטֶעטְל עֶר זָאל זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דַאוֶוענֶען, אָבֶּער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וואוּנְדֶער הָאט פַּאסִירְט, אִינְמִיטְן פְּסוּקֵי

דְזִמְרָא פְּרֶעגְט מִיר אַבְרָהָם הֶערְשׁ וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן, זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ מֵיין אַ נֵס הָאט פַּאסִירְט, דִי קוֹל אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען".

דִי יָאר הָאט מֶען צוּגֶעלֵייגְט אַסַאךְ זַאכְן אִינֶעם בִּנְיָן, מֶער בַּאקְוֶועם גֶעמַאכְט. הֶענִיךְ נֵרוֹ יָאִיר הָאט זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט אוּן בַּאקְוֶועם, מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מִקְוֶה, אוּן מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט נָאךְ אַ שְׁטָאק.

אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעבּוֹיט אַ גְרוֹיסֶער שַׁאטֶער וואו צוּ עֶסְן, עֶס הָאט צוּגֶעגֶעבְּן הַרְחָבַת הַדַעַת. דִי גַבָּאִים פוּן דִי רֶענְט קָאמְפֵּיין הָאבְּן דָאס צוּגֶעשְׁטֶעלְט, זֵיי גֵייעֶן צַאמְנֶעמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי גֶעלְט פַאר דֶעם.

מִנְחָה הָאט גֶעדַאוֶוענְט הָרַב רֶבִּי דָנִיֵאל בּוֹים שְׁלִיטָ"א, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ חַבוּרָה תַּלְמִידִים צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּר. בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ פְּרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן, אוּן אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְף מֶען טוּן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז; צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיט דִי מִצְוֹת. עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט רֶבִּי דָנִיֵאל מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אִידִישׁ, הָאב אִיךְ אַבִּיסְל גֶערֶעדְט אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

## שַׁבָּת שׁוּבָה

קַבָּלַת שַׁבָּת הָאט גֶעדַאוֶוענְט מָרְדְכַי הֵיימְלִיךְ, בַּיי בּאוּ בְּשָׁלוֹם הָאט מֶען גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעפַּאטְשְׁט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה. דִי סְעוּדוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, דִי עֶסְן הָאט גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים.

דִי יָאר הָאט מֶען צֶעטֵיילְט דִי אַרְבֶּעט, מֶען הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַרְבֶּעט פוּן הֶענִיךְ מִיט יְחֶזְקֵאל סַאמֶעט, זֵיי צְוֵויי זֶענֶען מֶער וֵוייניגֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶעם, אוּן אוּנְטֶער זֵיי זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אַ גַאנְצֶע שְׁטַאב גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט, אַהֲרֹן שְׁלֹמֹה שְׁוַוארְץ מִיט יוּדִי פְּרֵיינְד, מִיט נָאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטֵיילְט דִי עֶסְן.

לֵייבִּי לִיבֶּערְמַאן הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי קַאוֶוע, נֹחַ הֶערְשׁ מִיט נָאךְ חֲבֵרִים הָאבְּן אָפְּגֶערוֹימְט דִי סְעוּדוֹת, יוֹאֵל מֹשֶׁה הָאט גֶערֵיינִיגְט פָּארְנְט פוּנֶעם בִּנְיָן, אֶפְרַיִם שִׁמְעוֹן הָאט מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי מִקְוֶה, אוּן צְוֵויי חָשׁוּבְ'עֶ

בָחוּרִים מְלַמְדִים, מָרְדְכַי אֵיידְלִיס אוּן שָׁלוֹם אֶלִי׳ פֶעלְבֶּערְבּוֹים הָאבְּן גֶערֵיינִיגְט דִי אֲרַיינְגַאנְג צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ. אַבְרָמִי פִּישׁ מִיט נָאךְ אַפָּאר גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט אוּן בָחוּרִים הָאבְּן גֶערֵיינִיגְט אוּן צוּגֶעגְרֵייט דִי בֵּית הַמֶדְרָשׁ. נַחְמָן נָתָן קְרוֹיס הָאט פַארְקוֹיפְט דִי זִיצְן, אוּן שְׁלֹמֹה יַאקָאבָּאוִויטְשׁ מִיט אַבְרָהָם אֵלִיָהוּ פְרִידְרִיךְ הָאבְּן גֶעקָאכְט אִין אֵיין קָאךְ דִי פְלֵיישִׁיגֶע עֶסְן, אוּן מֶען הָאט גֶעבּוֹיט דִי יָאר נָאךְ אַ קָאךְ פַאר דִי פַּארֶעוֶוע עֶסְן, דָארְט הָאבְּן גֶעקָאכְט מוֹשִׁי אֵיינְהָארְן מִיט לֵייבִּי אַפֶּעל אוּן נָאךְ בָחוּרִים אוּן חַתָנִים. נִישְׁטָא אִינֶעם בִּנְיָן קַיין אֵיין בַּאצָאלְטֶע אַרְבֶּעטֶער, אַלֶעס אַרְבֶּעט פַארְן רֶבִּי׳ן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ. אוֹיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן בַּעַל תּוֹקֵעַ דַאוֶוענֶען אוּן בְּלָאזְן נָאר צוּ בַּאצָאלְן פַארְן רֶבִּי׳ן פַארְן גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק פַארְן לֶעבְּן.

נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת אִינֶעם נֵייעֶם שַׁאטֶער, לְכַתְּחִילָה הָאט גֶעהֵייסְן עֶס וֶועט זַיין אַ בָּאטֶע מִיט אַ דְרָשָׁה, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קוֹל, זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבְּן זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה.

אוֹיךְ אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ שָׁלוֹם זָכוֹר בַּיי הָאַבְרֵךְ הִלֵּל וֵוייס, עֶר מִיט זַיין טַאטֶע אוּן שְׁוֶוער, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁלִיחַ אוּנְזֶער מוֹהֵל רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן מָאנְרָא צוּ מַאכְן דִי בְּרִית.

## שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ גֵיין צוּם צִיּוּן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַארְקִילְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרִינְקֶען טֵיי מִיט הָאנִיג. צוּבִּיסְלִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיטְן קוֹל, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. נָאכְן פָארְלֶערְנֶען הָאבְּן בָחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט גֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע סִיוּמִים, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלֵייגְט דִי מַתָּנוֹת וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶענְגֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוֹיךְ קִינְדֶער הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען.

שַׁחֲרִית הָאט גֶעדַאוֶוענְט דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר פוּן יְרוּשָׁלַיִם מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל, מוּסָף הָאט גֶעדַאוֶוענְט אֵיינֶער פוּן דִי נֵייעֶ גַבָּאִים פוּן אוּנְזֶער מָאנְסִי שׁוּל. מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען נֵייעֶ גַבָּאִים, וַוייל אַלֶע גַבָּאִים פוּן מָאנְסִי הָאבְּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן קַיין שְׁטֶעטְל, קַיין לִיבֶּערְטִי.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר פָארְגֶעלֶערְנְט סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת; מֶען זָאל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט קַיין חוּמְרוֹת, אוּן מֶען זָאל גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן נִישְׁט מֵיינֶען אַז אוֹיבּ מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב אִיז מֶען מֶער חָשׁוּב.

נָאךְ דִי סְעוּדָה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיטְן רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס בֶּענְקֶענִישׁ.

אוֹיפְן וֶועג צוּם צִיּוּן אוּן אוֹיף צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פַארְיָאר הָאט דֶער גַבְּאַי פוּן בְּנֵי בְּרַק, דֶער וָואס שְׁרַייבְּט אָפּ דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּרִים - אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי וֶועג וָואס מִיר שְׁפַּאצִירְן צוּם אוּן פוּן צִיּוּן, אִיךְ הָאף דִי יָאר וֶועט עֶר דָאס אוֹיךְ אָפְּשְׁרַייבְּן.

## שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת

מִנְחָה הָאט גֶעדַאוֶוענְט דֶער גַבְּאַי פוּן בְּנֵי בְּרַק יוֹאֵל לֶעווִי נֵרוֹ יָאִיר. שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּנֶעם זִיסְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֶס זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן מְסַיֵים גֶעוֶוען - אֵיינֶער שַׁ"ס, אַ צְוֵוייטֶער חֲצִי שַׁ"ס, אַ דְרִיטֶער מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי סַכָּנָה פוּן רֶעדְן מִיט פְרוּמֶע לֵצִים, דִי וָואס זֶעעֶן אוֹיס עוֹבֵד'יש, דִי וָואס רֶעדְן בְּשֵׁם זְקֵנִים, אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "זַייט נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חֲכָמִים, רֶעדְט נִישְׁט מִיט קַיין לֵצִים, עֶס זָאל עֶנְק נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דִי זְקֵנִים זָאגְן, דָא בַּיי אוּנְזֶער מִנְיָן, בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן, זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְיָאר אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן, אוּן דִי יָאר זֶעט מֶען זֵיי נִישְׁט צוּלִיבּ וָואס זֵיי הָאבְּן יָא גֶערֶעדְט מִיט פְּרוּמֶע לֵצִים".

דִיר בֶּעט אִיךְ אוֹיךְ, פְּרִישׁ זִיךְ אוֹיף אוּן דְרֵיי זִיךְ נָאר מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, נֶעם זִיךְ חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, וָואס דִי

שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז זֵיי אִינְטֶערֶעסַאנְט, וָואס דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ לֶעבְּט זֵיי אוֹיף, חֲבֵרִים וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, חֲבֵרִים וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיּוֹת, גְּמָרָא, הֲלָכָה, תְּהִלִּים, דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וְעוֹד וְעוֹד, חֲבֵרִים וָואס לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וָואס הָאבְּן חַיּוּת פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, און דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין, אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, און וַוייטֶער מַאכְן חַבּוּרוֹת בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, און מַאךְ דַיין וַוייבּ פַאר אַ חַסִידוּת'טֶע, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "אִיךְ וִויל עֶנְק זָאלְן מַאכְן עֶנְקֶערֶע וַוייבֶּער חֲסִידוּת'טֶעס"; וַוייל אוֹיבּ דִי וַוייבּ וֶוערְט צוּגֶעצוֹיגְן צוּם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים קֶען מֶען אַסַאךְ פַּארְדִינֶען.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת גְלַייךְ נָאךְ הַבְדָלָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוַואשְׁן מְלַוֶּה מַלְכָּה און זִיךְ אַיינְגֶעפַּאקְט, און מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם בַּאן. דִי יָאר זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן מִיטְן בַּאן פוּן אוּמַאן גְלַייךְ קַיין פּוֹילְן, קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל. דִי בַּאן הָאט גֶעהַאט בֶּעטְן, מֶען הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אַרָאפְּלֵייגְן און זִיךְ אוֹיסְרוּעֶן. דִי וֶועג אִיז פַאר מִיר גֶעוֶוען דִי גְרִינְגְסְטֶע וֶועג, גְרִינְגֶער וִוי פָארְן מִיט אַ בָּאס, מִיט אַ קַאר; וַוייל וִוי בַּאקְוֶועם קֶען זַיין דָאס פָארְן אִיבֶּער צֶען שָׁעָה זִיצְנְדִיג? זָאל זַיין דִי קַאר, דִי וֶוען - מִיט בַּאקְוֶועמֶע זִיצְן, אִיז דָאס גוּט פַאר צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה, אָבֶּער אַז מֶען פָארְט צֶען צְוֶועלְף שָׁעָה - אִיז דִי גְרִינְגְסְטֶע אַז מֶען קֶען זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט אֶלִי' און מְשׁוּלָּם, וָואס שְׁטֶעלְן צוּ דִי וֶועג פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַלֶע יָארְן צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אַז אוֹיבּ קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועט נָאכְאַלְץ זַיין פַארְמַאכְט קִיעֶוו, מֶען וֶועט זִיךְ נָאךְ דַארְפְן אַריינְשְׁלֶעפְּן קַיין אוּמַאן פוּן אַן אַנְדֶערֶע מְדִינָה - זָאלְן זֵיי נָאכְאַמָאל מַאכְן דִי בַּאן מִיט דִי בֶּעטְן, וַוייל אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעפָארְן מִיט אַלֶע וֶועגְן, און דָאס אִיז דִי גְרִינְגְסְטֶע און גֶעשְׁמַאקְסְטֶע וֶועג; אַז מֶען קֶען זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן, דִי בֵּיינֶער וֶוערְן נִישְׁט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט אַ אִינְגֶערְמַאן וואו עֶר גֵייט שְׁלָאפְן און עֶסְן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים, קוּקְט עֶר מִיךְ אָן מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן 'וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע? אַוַדַאי אִין שְׁטוּבּ', פְרֶעג אִיךְ אִים: "פַארְיָאר וֶוען דוּ בִּיסְט אַהֵיים

גֶעקוּמֶען הָאט דַיין וַוייב דִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעוַוארְט מִיט אַ וַוארֶעמֶע טֶעלֶער זוּפּ, פַארְוָואס גֵייסְטוּ צוּרִיק אַהֵיים?" זָאגְט עֶר: "וָואס הֵייסְט, אִיךְ גֵיי אַהֵיים צוּ מַיין הֵיים"; זָאג אִיךְ אִים: "דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ שְׁטֵיי אַיין אִין בִּנְיָן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין אוּמַאן, וַוייל דָאס אִיז מַיין הֵיים, אוּן אוֹיבּ דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט וִוי אִיךְ ווִיל - אִיז דָאס וַוייטֶער מַיין הֵיים, אוּן אַז דִי בֶּעט אִיז נִישְׁט וִוי אִיךְ ווִיל - אִיז דָאס וַוייטֶער מַיין הֵיים"; 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' אִיז מַיין הֵיים, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע דוֹרוֹת, זָאלְן אוֹיךְ אַזוֹי שְׁפִּירְן, אַז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז זֵייעֶר הֵיים.

אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי חִיזּוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים, גִּלְיוֹנוֹת אוּן סְפָרִים. אִין עֶירְפָּארְט הָאט מִיר אַ אִיד אַ מַגִּיד שִׁיעוּר אַ תַּלְמִיד חָכָם דֶערְצֵיילְט, אַז זַיין זוּן אִיז אִין אַ חַבוּרָה אִין אַ כּוֹלֵל אִין סַאטְמֶער, וָואס דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם - הָאט אִים גֶעזָאגְט פַאר זַיין חֲתוּנָּה אַז עֶר מוּז לֶערְנֶען דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן נָאךְ אַפָּאר וָואכְן הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט דָאס שׁוֹין גֶעלֶערְנְט אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט נֵיין, הָאט דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בּוּזֶעם טַאשׁ אַ קוּנְטְרֵס "מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ", אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ זָאלְסְט דָאס לֶערְנֶען, וֶועסְטוּ הָאבְּן אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת", דָאס אִיז אַ רֹאשׁ הַכּוֹלֵל פוּן דִי גְרֶעסְטֶע כּוֹלְלִים פוּן סַאטְמֶער.

## צוֹם גְדַלְיָ'

זוּנְטָאג צוֹם גְדַלְיָ' אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוֹיפְן בַּאן, אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל אוּן פוּן דָארְט גֶעפָארְן קַיין לִיזֶענְסְק, אוּן אוּם צְוֵויי אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען אִין לִיזֶענְסְק. אִיךְ בִּין גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם צִיוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.

דְרֵיי אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּם עֶירְפָּארְט, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אִין עֶירְפָּארְט אוּן גֶעלֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה וַיְחַל.

אוֹיפְן פְלִיגֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מְנַהֵל פוּן אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע חֵדֶר אִין מָאנְסִי אוּן זָאגְט מִיר: "וֶוען אִיךְ ווִיל ווִיסְן וֶוער אוֹיפְן פְלִיגֶער אִיז פוּן הֵיכַל

הַקוֹדֶשׁ און וֶוער נִישְׁט הָאב אִיךְ צְוֵויי סִימָנִים, וֶוען אִיךְ הֶער אֵיינֶעם זָאגְן 'שְׁכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער' - אִיז דָאס מַיין סִימָן אַז דֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, און אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיךְ זֶע אֵיינֶעם מִיט אַ סֵפֶר אִין הַאנְט און מִישְׁט דַפִּים - אִיז דָאס מַיין סִימָן אַז דֶער אִיז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אוֹיפְן פְלִיגֶער בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן נֶעבְן רֶבִּי יוֹנָה דֶער דַיָּין, מִיר הָאבְן גֶעשְׁמוּעֶסְט כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע וֶועג, אַכְט נַיין שָׁעָה - וִויכְטִיגֶע זַאכְן וִוי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

חַסְדֵי הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נֶעכְטְן נַאכְט צֶען אַזֵייגֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט דִי קִינְדֶער און מִיט דִי פֶּעקְלֶעךְ און מִיט אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְתַקֵּן.

דִי יָאר וֶועל אִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זַיין יוֹם הַקָּדוֹשׁ און סוּכּוֹת אִין שְׁטֶעטְל. זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּינְ'ס הִלּוּלָא אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה, און אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, מוֹצָאֵי שַׁבָּת - פָאר אִיךְ צוּרִיק קַיין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אָנְהוֹיבְן אַ פְרִישֶׁע זְמַן מִיט דִי יְשִׁיבָה, דִי אַכְצְנְטֶע יָאר יְשִׁיבָה, וַוייטֶער טוּן דִי צַוָואָה פוּן רֶבִּי'ן: "אִיר זָאלְט אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער".

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וואוּ אִיז עֶר בַּאהַאלְטְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אַסַאךְ קָאפּ און מֹחַ פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, שְׂכָרְךָ הַרְבֵּה מְאוֹד, וַוייל דוּ זֵייסְט אָן אֱמוּנָה, דוּ פְלַאנְצְט אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, דָאס וֶועט זֵיי בְּלַייבְּן אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ טְרַאכְט אַ גֶעדַאנְק לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר, דִי מְכוֹן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ נֵייעֶם גִלְיוֹן סְפֶּעצִיעֶל פַאר קִינְדֶער. עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט זַיין

קַיין שְׁווערֶע אַרבֶּעט, הָאסְט דָאךְ שׁוֹין דִי מַעֲשִׂיוֹת, הָאסְט שׁוֹין דִי בִּילְדֶער, דַארְפְסְט נָאר אֵיינְמָאל אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְשְׁטֶעל, עֶס זָאל זַיין אוֹיג פַארְכַאפְּנְד, מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת, גָאר גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת, גֶעפִּינְטְלְט, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס כַאפְּן, מֶען וֶועט דָאס לֵייגְן אִין אַלֶע שׁוּלְן, אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאס לֵיינֶען.

נָאךְ אַ גֶעדַאנְק, דִי מְכוֹן זָאל מַאכְן נוֹי סוּכָּה פוּן דִי בִּילְדֶער וָואס הָאט שַׁייכוּת מִיט סוּכּוֹת. קֶענְסְט מַאכְן אַ שֵׁיינֶע נוֹי סוּכָּה פוּן דִי בִּילְד וִוי דִי קִינְדֶער שְׁטֶעכְן דֶעם שָׂטָן מִיט דִי ד׳ מִינִים, מַאךְ אַ שֵׁיינֶע גְרֶעפִיק, גְרוֹיסֶע טָאוולֶעךְ, עֶס וֶועט הֶענְגֶען אִין דִי סוּכָּה, עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין טִיף טִיף אִין אַלֶע הֶערְצֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן מִצְוֹת, וִוי דֶער שָׂטָן וֶוערְט צֶעשְׁטָאכְן פוּן דִי מִצְוֹת.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער גִלְיוֹן לְכָבוֹד רֹאשׁ הַשָּׁנָה. בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ שֵׁיינֶעם גֶעדֶעקְטְן טִישׁ לְכָבוֹד רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶפְּל מִיט הָאנִיג, לַייכְטֶער, מִיט אַ גְרוֹיסֶער שׁוֹפָר, אוּן אוּנְטֶערְן טִישׁ זִיצְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיפְן מוֹיל, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער בַּאהַאלְט זִיךְ, אוּן וִוי בַּיים טִיר שְׁטֵייט אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ פָּנִים וִוי עֶר זוּכְט אֵיינֶעם.

מֶען זוּכְט אַהֶער, מֶען זוּכְט אַהִין, מֶען טְרֶעפְט אִים נִישְׁט...

מֶען גֵייט פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְוֵוייטְן, ׳וואוּ אִיז עֶר? וִוי אִיז רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע?׳ דִי גַאנְצֶע שׁוּל וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט צוּם גֶעפִינֶען, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר ווִיל נִישְׁט זַיין דִי יָאר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.

דִי תַּלְמִידִים זָאגְן: ״אֶפְשָׁר קֶען מֶען צוּשִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן צוּם עָמוּד?״ מִיר וֶועלְן פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי׳ן: ״רֶבִּי, מִיר טְרֶעפְן נִישְׁט דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, אֶפְשָׁר קֶען מֶען צוּשִׁיקְן אַ צְוֵוייטְן צוּם עָמוּד?״ דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״נֵיין״, דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״מֶען וֶועט נִישְׁט דַאוֶוענֶען בִּיז מֶען וֶועט אוֹיפְזוּכְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע״.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט זוּכְן דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, בִּיז מֶען

הָאט אִים גֶעטְרָאפְן און גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מְרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן אַלֶע זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע עֶר זָאל זָאגְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם עָמוּד. הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז וֶוער עֶס וֶוערְט אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אִין דִי יָמִים נוֹרָאִים - מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב און וַוייטֶער - גְמָרָא, "דִי יָאר אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער דִי וֶועג פוּן מַיין שְׁטָאט פְּרִיסְטִיק בִּיז לִיזֶענְסְק, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה', בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעהֵייסְן, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָּאלְגְן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, וִוי זֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, זֵיי גְרֵייטְן זִיךְ אָן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא, און מִיר קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**קָאכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקֵייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבוּרְטְסְטָאג זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ קָאכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקֵייט.

קָאכְן פַאר שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר חָשׁוּב, עֶס אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם אִיז נָאר פַאר פְרוֹיעֶן אִין דִי קְהִילָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין הֲפָצָה צוּ בְּרֶענְגֶען פְרוֹיעֶן צוּ דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם; דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם אִיז אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ פַאר פְרוֹיעֶן וָואס גֶעהֶערְן אִין דִי קְהִילָה, זֵיי ווִילְן גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דִי חִינוּךְ פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זֵיי אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב זֶענֶען אַיינְגֶעבַּאקֶן בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן אַז עֶס גֵייט אַייךְ אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ פְרוֹי זָאל הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים - קֶענְט אִיר גֶעבְּן דִי נוּמֶער פוּן דִי טֶעלֶעפָאן לַיין ווִי מֶען קֶען הֶערְן אָן אַ שִׁיעוּר שִׁיעוּרִים, אוּן זִיךְ גוּט מְחַזֵּק זַיין צוּ בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ זַיין אַ מַאמֶע, אַ וַוייבּ אוּן אַ צַדֶיקֶת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, מַאכְט נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ, רוּפְט נִישְׁט אוּן שְׁלֶעפְּט נִישְׁט קֵיינֶעם, וַוייל נָאר פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ בִּין אַזוֹי עֶלְנְד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מַאכְסְטוּ מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶוערֶע טֶעג, דוּ בִּיסְט עֶלְנְד, דוּ דַארְפְסְט זַיין גֶעזוּנְט וְכוּ׳, דִי דָאקְטוֹירִים שְׁרֶעקְן דִיךְ אָן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, זָאלְסְט גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

הָאבּ נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס אוּן מַאכְט נָאר דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אוּנְז. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מֶען אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט צֶען נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", דָאס וַוייזְט אוּנְז וִוי וַוייט אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אֱמוּנָה אֲפִילוּ עֶר אִיז דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

זַיי שְׁטַארְק מִיט לֵייגְן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד.), וֶוער עֶס לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג - לֶעבְּט לַאנְג. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הִיטְן שַׁבָּת, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נִיצְן דִי טֶעלֶעפָאן שַׁבָּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת - אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת; אוֹיף דִי צְוֵויי זַאכְן, אוֹיף לֵייגְן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג אוּן אוֹיף הִיטְן שַׁבָּת - זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ שְׁטִילֶע גַאס, אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל, אִין אַ פַּארְק אָדֶער אַ פֶעלְד, אָדֶער בַּיי אַ וַואסֶער, אוּן הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, קוּק אַרוֹיף אוּן זָאג: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי עֶלְנְד**,

אִיךְ בִּין אַזוֹי אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דִיךְ הָאבּ אִיךְ, נָאר דוּ פַארְשְׁטֵייסְט מִיךְ, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, אוּן נָאר דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן".

דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי לַאנְג דוּ זוּכְסְט אַ שִׁידוּךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ בִּיסְט אַ כֹּל יָכוֹל, דוּ קֶענְסְט אַלֶעס מַאכְן, דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אוּן דוּ גֶעבְּסְט מִיר יֶעדֶע רֶגַע לֶעבְּן, בֶּעט אִיךְ דִיר, אָנָּא הַשֵּׁם, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ".

טַייעֶרֶע ..., אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועט זַיין זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיר הָאט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, וַוארְפְט אַוֶועק דִי סְמַארְטְפָאוֹן פַאר זֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְט אִיר אַוֶועק וַוארְפְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַייךְ צוּ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן; אִיר הָאט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אִיר טָארְט עֶס נִישְׁט טוּן פַאר זֵיי.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אֵיינְמָאל מֶען הָאט דָאס אוּן מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם וְכוּ', מִיט חַבֶר'טֶעס וְכוּ' - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אָפְּצוּלָאזְן, אָבֶּער גְלֵייבְּט מִיר, דָאס אִיז נָאר וִוילַאנְג מֶען הָאט דָאס, דִי רֶגַע וָואס מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי טֶעלֶעפָאן - וֶוערְט מֶען אַ בַּאפְרֵייטֶער מֶענְטְשׁ.

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ יָארְן צוּרִיק וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיר

הָאט גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּב אַ לֶעפְּטַאפּ וְכוּ׳; לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְט אִיר אַוֶועק וַוארְפְן דִי סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיבּ דִי חַבְרֶ׳טֶעס וָואס אִיר הָאט וְכוּ׳ - זֶענֶען גוּט פַאר אַייךְ, אוֹיבּ עֶס בְּרֶענְגְט אַייךְ צוּ זַיין אַ בֶּעסֶערֶע מַאמֶע, אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ; נָאר מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וֵוייסְט מֶען אוֹיבּ מֶען גֵייט אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נִישְׁט זִיךְ טַעְנָה׳ן, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם וְכוּ׳, רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם, אוּן וֶוען אַייעֶר מַאן הוֹיבְּט אָן רֶעדְן קֶעגְן - זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טַעְנָה׳ן, הֶערְט אוֹיס בִּיז דִי שְׁמוּעֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן; וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן אוּן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין.

שְׁטִילֶערְהֵייט בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף צַדִּיקִים, אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן אַלֶע לֶעבְּן מִיטְן צַדִּיק.

מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט סַבְלָנוּת קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי טֶבַע, מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט סַבְלָנוּת קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ וָואס מֶען וויל אָנְקוּמֶען, מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד וֶוען מֶען זֶעט ווִי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צַייט וָואס מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט ווִי עֶפֶּעס רוּקְט זִיךְ, אָבֶּער דֶער וָואס הָאט גֶעדוּלְד אוּן לָאזְט נִישְׁט אָפּ תְּפִלָּה - אִיז בַּיים סוֹף מְנַצֵּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן וָואס קְלֶעבְּט מֶער וִוי דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע קְלֶעבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס שְׁטֶערְט מִיר אוּן עֶס שְׁטֶערְט אוֹיךְ אַנְדֶערֶע וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאמֶען צוּ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, מֶען הֶערְט שֵׁיינֶע חִיזוּק וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא״שׁ אוּן אַלֶע צַדִּיקִים לֶערְנֶען וִוי אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ פִירְן, אַז אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְמַארְט-טֶעלֶעפָאוֹן; וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג אַז מֶען זָאל כָאטְשִׁיג נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען גְלַייךְ נָאכְן שִׁיעוּר אוּן בַּיים שִׁיעוּר דִי סמ׳ טֶעלֶעפָאוֹן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט זִיךְ צַאמְזֶעצְן מִיט אַפָּאר פְרוֹיעֶן מִיט סמ׳ טֶעלֶעפָאוֹנְס, עֶס קֶען זִיךְ אָנְזֶען פַאר אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן וִוי מֶען גְרִינְגְשֶׁעצְט אִין דִי דִיבּוּרִים.

וָואס מֶען טוּט אִין שְׁטוּבּ אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן אַוַדַּאי וֶוען מֶען הָאט דִי שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן פוּן זִיךְ אָפְּגֶעווָאוֹינֶען פוּן דִי סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן וָואס קְלֶעבְּט מֶער וִוי דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע קְלֶעבּ, אוּן אֲפִילוּ נָאכְן הֶערְן דְרָשׁוֹת וַוארְפְט זִיךְ עֶס נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג אַוֶועק, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ גֶעבּוֹיט אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם; אָבֶער בַּיי אַ צַאמְקוּם, אוּן אַוַדַּאי וֶוען מֶען הָאט יֶעצְט גֶערֶעדְט חִיזוּק מִיט אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז דִי סמ׳ טֶעלֶעפָאוֹן שְׁטֶערְט פוּן הָאבְּן אֱמֶתְ׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט, דִי סמ׳ טֶעלֶעפָאוֹן שְׁטֶערְט פוּן זַיין אַ ווָאוֹילֶע פְרוֹי, אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מַאמֶע, אוּן אַז נָאכְן שִׁיעוּר נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי טֶעלֶעפָאוֹנְס - טוּט מִיר דָאס וֵויי, עֶס קֶען זִיךְ אוֹיסְזֶען וִוי מֶען גְרִינְגְשֶׁעצְט אִין דִי צַאמְקוּם.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דִי בְּרִיוו פַּאזֶעטִיוו, נִישְׁט ווִי אִיךְ וויל מוּסָר זָאגְן, אָדֶער צֶעקְלַאפְּן, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק שְׁטוּפְּן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס נָאר וַוייל אִיךְ וֵוייס אִיר מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיר כַאפְּט נִישְׁט וָואס אִיר טוּט.

יֶעצְט קוּמְט אַ נַייעֶ יָאר, זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וויל זַיין הֵיילִיג, אִיךְ וויל פָּאלְגְן צַדִיקִים, אִיךְ וויל הָאבְּן גוּטֶע פְּרֶענְדְס, אִיךְ וויל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת", עֶס אִיז דָא שְׁטִיבֶּער וָואס הָאבְּן אֶפְשָׁר שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶער עֶס אִיז דָא אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, אֱמֶתְ'עֶ לִיבְּשַׁאפְט; דָאס אִיז נָאר וֶוען מֶען הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען הָאט תְּמִימוּת אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיוּת אוּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת אִין אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָבִים וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת מִיטְן מַאכְן דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיף "כָּל הַמְאָרֵחַ תַּלְמִיד חָכָם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", אוֹיף אַרַיינְנֶעמֶען אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין שְׁטוּבּ, דוּרְכְדֶעם בְּרֶענְגְט מֶען הַצְלָחָה אִין שְׁטוּבּ (עַיֵּין בְּרָכוֹת י:), דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רט), מִיט דֶעם אִיז מֶען מְתַקֵן דִי שְׁלֶעכְטֶע תְּפִילוֹת, עֶס אִיז כְּאִילוּ הִקְרִיב תְּמִידִין.

ווארוּיל אִיז דֶער וָואס אִיז מְחַזֵק אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אִידִישֶׁע מַאמֶעס - וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְבְּלָאזְן אִין זֵיי אַ חַיוּת אוּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זֵיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זֶענֶען שׁוֹין אַהֵיים גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם פוּן אוּמַאן, מִיר דַארְפְן נָאךְ קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה. דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר פוּן וֶוען עֶס אִיז דָא דִי מִלְחָמָה צְוִוישְׁן רוּסְלַאנְד אוּן אוּקְרֵיינָא אוּן מֶען קֶען נִישְׁט פָּארְן גְלַייךְ קַיין אוּקְרֵיינָא, מֶען דַארְף גֵיין פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן - אִיז דִי נְסִיעָה שְׁוֶוערֶער, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי נְסִיעָה, מֶען פָּארְט צוּם רֶבִּי'ן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

זֵיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תגג): "מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר; אוֹיךְ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן (דִי יָאר זֶענֶען אַסַאךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּנֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָפְּגֶעהַאלְטְן גֶעוָוארְן אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן) - דַארְפְן זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, דִי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין אוּמַאן.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן אוּנְזֶער שֵׁיינֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ דַארְף אָבֶּער קוּמֶען צוּ מַיינֶע כֹּחוֹת, אִיךְ דַארְף זִיךְ נָאךְ אָפְּרוּעֶן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אוּן אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט פֶּעלְזְן פֶּעסְט, דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְש שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין נָאךְ אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה פוּן אוּמַאן, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועסְטוּ רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פַאר דִיר אַז דוּ טוּסְט עֲבֵירוֹת מִיט דַיין שְׁוֶועסְטֶער; דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא יח, ט), אַז מֶען טוּט עֲבֵירוֹת מִיט אַ שְׁוֶועסְטֶער בַּאקוּמְט מֶען כָּרֵת; דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס נָאךְ אַ פָּאר יָאר, וֶוען זִי וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן - וֶועט אִיר מַאן דִיךְ פַארְשֶׁעמֶען פַאר אַלֶעמֶען, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען צוּ קַיין שִׂמְחוֹת בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען אַהֵיים קוּמֶען צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע, מֶען וֶועט דִיךְ פַארְשֶׁעמֶען, מֶען וֶועט דִיךְ פַארְטַרַייבְּן; אַלֶע וֶועלְן אַוֶועק נֶעמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִיר, קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט לָאזְן קוּמֶען צוּ זֵיי אִין שְׁטוּבּ.

וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין

שִׁידוּךְ; אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן אַז נִישְׁט - וֶועסְטוּ רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן בֵּית פֵּיגָא, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אַז אִיר הָאט הֲנָאָה פוּן זַיין אַ לֶערֶערִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל כֹּחַ אוּן הַארְץ מִיט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶתְ׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, אֱמֶתְ׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט, אוּן צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווִיפִיל דִי הַנְהָלָה אִין שְׁטֶעטְל גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר זָאלְסְט כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב גֶעבְן אַ קוּרְצֶע בַּארִיכְט מֵהַנַּעֲשֶׂה וְהַנִּשְׁמָע בַּיי דִי הַנְהָלָה, וָואס עֶנְק טוּעֶן אַלְץ אִין שְׁטֶעטְל; ווַייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם שְׁלָאפְט נִישְׁט, עֶר זוּכְט ווִי צוּ מַאכְן רַייבֶּערַייעֶן, עֶר מַאכְט מֶען זָאל הָאבְן קִנְאָה, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ דִי אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל וָואלְטְן גֶעווֹאוּסְט ווִיפִיל דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה

טוּעֶן פַאר דִי שְׁטֶעטְל בִּכְלַל, אוּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ בִּפְרַט - וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעֲנוֹת, מֶען וָואלְט זִיךְ מֶער לִיבּ גֶעהַאט.

דֶערְצֵייל וִויפִיל מֶענְטְשְׁן דוּ הָאסְט פְּרִיוַואט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה אוּן פוּן וֶוערְן פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט רֶעגִירוּנְג זַאכְן, וִויפִיל נֶעכְט דוּ אוּן דִי אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים הָאבְן אַוֶועק גֶעגֶעבְן פַאר דִי טוֹבָה פוּן פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן וִויפִיל טוֹבוֹת עֶנְק טוּעֶן פַאר דִי קְהִילָה אוּן פַאר אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת.

בִּזְכוּת וָואס דוּ טוּסְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶועסְטוּ הָאבְן אַ זִיסֶע יָאר; דוּ, דַיין וַוייבּ, מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה אִינֶעם טָאג פוּן רֶבִּינְ׳ס יָארְצַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז גוּט זָאלְסְט מַאכְן דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת אִינֶעם טָאג פוּן רֶבִּינְ׳ס יָארְצַייט, עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין שְׁטוּבּ בִּיז דִי שׁוּל אוֹיף הָאשְׁקִי גַאס.

בַּאשְׁטֶעל פַאקְלֶען פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ, אוּן מַאךְ פֶּעקְלֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל וָואס קֶענֶען שְׁפִּילְן אוּן זִינְגֶען, מִיט סְפִּיקֶערְס, מִיט אַ חוּפָּה, עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן פְרֵיילִיךְ.

דִי סְעוּדָה קֶען מֶען מַאכְן אִין דִי שׁוּל סוּכָּה, צוּזַאמֶען מִיט דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן רֶבִּי׳ן.

זַיי מוֹדִיעַ פַאר אַלֶע אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען זִיךְ מִיט פְרֵייעֶן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי שְׁוֶועֶרֶע נְסִיעָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווֹ.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר הֶערְנְדִיג וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער פוּן דִי שְׁוֶועֶרֶע נְסִיעָה וָואס דוּ אוּן נָאךְ אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי יָאר בַּיים פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז מֶען הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי נְסִיעוֹת דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אַסַאךְ זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן.

הָאסְט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי פָּאר טִיקֶעטְס פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; אַזוֹי וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ גֶעטוּן, אַז מֶען אִיז מְבַטֵּל נְסִיעוֹת אוּן מֶען הָאט נָאר אַ מִסְפָּר מְצוּמְצָם - קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת, עֶס אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז מֶען כַאפְּט פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער אַ וֶועג צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ - זָאלְסְטוּ דָאס מְקַבֵּל זַיין בְּאַהֲבָה אוּן דָאס אָנְנֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת; אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, וֶוער עֶס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע דַארְף זַיין גְרֵייט צוּ כַאפְּן בִּזְיוֹנוֹת אוּן קְלָלוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דָאס זָאל דִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דוּ, דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע אִידְן - זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה צוּם רֶבִּי׳ן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה פוּן הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הֶער נִישְׁט אוֹיס קַיין לֵצִים וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פוּן זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה פוּן הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים. דֶער רֶבִּי הָאט גָאר שְׁטַארְק גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵיצָנוּת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין רֶבִּינְ׳ס צַייט אַ מְפֻרְסָם וָואס פְלֶעגְט זָאגְן וֶוערְטְלֶעךְ בַּיי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אַמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַלֶעמֶען אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט לַאכְן פוּן זַיינֶע וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן וֶוען יֶענֶער מְפֻרְסָם הָאט גֶעמַאכְט וֶוערְטְלֶעךְ אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעלַאכְט הָאט עֶר זִיךְ פַארְשֶׁעמְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעזֶען אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן וֶוערְטְלֶעךְ נִישְׁט קַיין פְלַאץ; עַד כְּדֵי כַּךְ הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן מִיט לֵיצָנוּת.

פַארְגֶעס נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן, אוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס - זִיךְ וִוינְטְשְׁן אַ גוּט יָאר; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אוּן עֶס אִיז אַ זְכוּת פַארְן יוֹם הַדִּין.

עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִינְדֶערְפְרִי גֵייעֶן אַלֶע זִיךְ טוֹבֵל׳עֶן, אֲפִילוּ דִי וַוייבֶּער.

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם דִי יָאר וֶועל אִיךְ זַיין יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אוֹיךְ דִי שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי דִי וָואךְ וֶועט זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מְקָרֵב זַיין דִי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶרְ׳טֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הברכה א׳, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט לִיבּ גֶעהַאט בֵּית פֵיגָא קֶעמְפּ, אוּן אַז אִיר בֶּענְקְט זִיךְ זֵייעֶר צוּרִיק צוּ קוּמֶען אִין בֵּית פֵיגָא.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וָואס אִיר זָאלְט טוּן וֶוען אִיר הֶערְט אִין אַייעֶר שׁוּלֶע ווִי מֶען רֶעדְט שְׁטוּתִים וְכוּ׳; אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט אִין אַייעֶר הַארְץ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִיר ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט זָאלְט אִיר בֶּעטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶועט וֶועט שׁוֹין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסְן פוּן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן**".

אוֹיף אַייעֶר צְווֵייטֶע פְרַאגֶע, וֶוען אִיר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט אַייעֶרֶע קְלֵיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אוֹיבּ אִיר מֶעגְט אִיבֶּערְלֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל אֵיידֶער אִיר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז יָא, אַוַודַאי, מֶען מֶעג לֵיינֶען אַפָּאר מָאל קְרִיאַת שְׁמַע, יֶעדֶע מָאל מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע הָאט מֶען נָאכְאַמָאל אַ מִצְוָה.

זַייט זִיךְ מְקַבֵּל לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר צוּ מְקָרֵב זַיין דִי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס, דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס מֶען שְׁטוּפְּט זֵיי אַוֶועק, זֵיי קוּמֶען נִישְׁט אָנְגֶעטוּן רַייךְ וְכוּ׳; זֵיי זָאלְט אִיר מְקָרֵב זַיין, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ מְקָרֵב זַיין.

אַ זִיסֶע יָאר.

...

## דִי שִׁידוּךְ אִיז שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט נָאךְ פוּן פַארְן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט נִישְׁט פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, וַוייל אַייעֶר שִׁידוּךְ אִיז שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט

נָאךְ פוּן פַאר אִיר זֶענְט גֶעבּוֹירְן, נָאךְ פַאר אִיר הָאט בִּכְלַל גֶעטְרַאכְט פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַז אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט אַייךְ "פַאר צְוֵוייִ דְרֵיי יָאר וֶועסְטוּ נִישְׁט קַיין כַּלָּה" - זָאלְט אִיר נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ מִתְחַצֵּף זַיין, וַוייל דִי טָאג וָואס אִיר גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, אוֹיךְ דִי פְּלַאץ וואוּ אַייעֶר חֲתוּנָה גֵייט זַיין (אִין יְשִׁיבָה) - אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן.

זָארְגְט נִישְׁט, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרֶע גוּטֶע מִידוֹת, אוּן זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן כָּבוֹד, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער.

אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ זִיס יָאר.

...

## רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וְכוּ', קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶר קֶערְפֶּער, אוּן אַז דוּ זֶעסְט ווִי זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ אוּן מֶען רִירְט זִיךְ צוּ סַאךְ אָן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זָאגְן אוּן זַיין שְׁטְרֶענְג.

רֶעד צוּ דַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אֲפִילוּ פוּן נָאנְטֶע, אֲפִילוּ פוּן בְּרִידֶער, וַוייל דִי דוֹר פַאלְט אַזוֹי נִידְרִיג, מֶען מוּז הַאלְטְן אַן אָפְן אוֹיג וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִי קִינְדֶער.

לָאז זֵיי נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג אִין דִי עַרְבֵי שַׁבָּתִים אוּן דִי לַאנְגֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאגְס, לֵייג זֵיי שְׁלָאפְן אָדֶער בְּלַייבּ אוֹיף מִיט זֵיי, שְׁפִּיל מִיט זֵיי, לָאז זֵיי נִישְׁט הֶפְקֵר; רוֹב צָרוֹת וָואס קִינְדֶער פַאלְן אִין קְדוּשָׁה - אִיז שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אוּן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג, וֶוען דִי עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן אוּן דִי קִינְדֶער גֵייעֶן לֵיידִיג, אוּן פוּן גֵיין לֵיידִיג פַאלְן זֵיי אִין טוּמְאָה, זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מָארגְן וֶועט דִי שִׁיעוּר זַיין אִין שְׁטֶעטְל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִנְהָגִים פוּן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען דִי יָאר צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דִי תִּיקוּנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין, אוּן וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ כָּל הַשָּׁנָה.

אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז אוּנְזֶער קִיבּוּץ זָאל זַיין אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי גוּט; נָאר מִיט דִי הִילְף פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַזַא שֵׁיינֶע אַיינְגֶענֶעמֶע יוֹם טוֹב.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וֶועם דוּ הָאסְט וֵויי גֶעטוּן, וֶועם דוּ הָאסְט מְבַזֶּה גֶעוֶוען, אָדֶער מְצַעֵר גֶעוֶוען, אוּן אוֹיב דוּ הָאסְט אֵיינֶעם גֶעטְשֶׁעפֶּעט, וֵויי גֶעטוּן, אָדֶער פַארְשֶׁעמְט - זָאלְסְטוּ יֶענֶעם אָנְרוּפְן אִיבֶּערְבֶּעטְן, וַוייל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל יוֹם כִּיפּוּר, אוֹיסֶער אוֹיף עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ (יוֹמָא פה:), אוּן זַיי זִיךְ מְקַבֵּל מֶער נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט זָאגְן קַיין שְׁלֶעכְט וָוארְט.

בְּעִיקָּר וואוּ מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן דִי חֶשְׁבּוֹן - אִיז אִין שְׁטוּב; מֶען דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי וַוייבּ פַארְן אִיר וֵויי טוּן, פַארְן אִיר מַאכְן וֵויינֶען, אוּן אִיר צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט מֶער נִישְׁט וֵויי טוּן.

הַיינְט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען -

זָאלְסְטוּ עֶס הֶערְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן. עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אַז נִישְׁט וֶוערְט מֶען אַלְט, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אַן אַלְטֶער חָסִיד אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין, אוּן אַן אַלְטֶער צַדִּיק אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין"; מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן.

מָארְגְן עֶרֶב יוֹם הַקָדוֹשׁ פַּארְטָאגְס מַאכְט מֶען דִי מִנְהָג פוּן כַּפָּרוֹת, עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז דִי יָאר הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שׁוֹחֲטִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶרְלִיכֶע אִידְן. עֶס וֶועט זַיין אִין שְׁטֶעטְל כַּפָּרוֹת מִיט שׁוֹחֲטִים, מֶען וֶועט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִנְהָג יִשְׂרָאֵל. דִי גֶעלְט פוּן דִי כַּפָּרוֹת גֵייט פַאר דִי מוֹסָד, אוּן דִי פְלֵייש גֵייט אוֹיךְ פַאר דִי מוֹסָד.

אוֹיךְ אִיז דֶער מִנְהָג אַז אַלֶע גֵייעֶן אִין מִקְוֶה, אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן; צוּ זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, אוּן בַּיי חֲצוֹת הַיּוֹם טוּט מֶען זִיךְ אָן בִּגְדֵי שַׁבָּת, מֶען עֶסְט אַ סְעוּדָה מִיט דִי מִשְׁפָּחָה. מֶען טִינְקְט אַיין דִי חַלָּה אִין הָאנִיג, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, עֶר וַואשְׁט אוּנְז אָפּ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע, וַוייל אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט יוֹם הַקָדוֹשׁ, בִּיז מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ צִינְדְן אַ לִיכְט אִין שְׁטוּבּ וָואס בְּרֶענְט אַ גַאנְצְן טָאג, אַ גַאנְצְן יוֹם כִּיפּוּר.

יוֹם כִּיפּוּר גֵייט מֶען וַוייס, אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן וַוייס; אַ וַוייסֶע טִיכְל אוּן אַ וַוייסֶע שִׁירְצְל.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אַרָאפְּגֶעשְׁלִינְגֶען אַז דוּ בִּיסְט בַּיים רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲלִישׁוּת הַדַעַת וֶועט אַלְץ זַיין, וַוייל מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט

אַרָאפְּגֶעשְׁלִינְגֶען אַז דוּ בִּיסְט בַּיים רֶבִּי'ן; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִיט דִי קְלִיפּוֹת וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת לָאקֶערְן אוֹיף דִיר, זֵיי הָאבְּן דָאס נָאכְנִישְׁט אַרָאפְּגֶעשְׁלִינְגֶען, זֵיי ווִילְן אֵיין זַאךְ: "גֵיי אַוֶועק פוּן רֶבִּי'ן"; דָאס אִיז פַארְוָואס דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן וֵוייטָאג, נָאר פַאר דִי אֵיין זַאךְ, זָאלְסְט שׁוֹין אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ מִלְּפָנֶיךָ", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וַוארְף מִיךְ נִישְׁט אַוֶועק, "וְרוּחַ קָדְשְׁךָ אַל תִּקַח מִמֶּנּוּ", אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף אַלֶע בִּלְבּוּלִים, חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ' וְכוּ' אוּן קוּם זִיךְ מְחַזֵק זַיין.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ ווִיל דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים, ט' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, וֶוען "וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן וְחִיל וּרְעָדָה יֹאחֵזוּן", אִיךְ ווִיל דִיר נָאר ווִינְטְשְׁן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ חֲתִימָה טוֹבָה, דַיינֶע תְּפִילוֹת זָאלְן נִתְקַבֵּל ווערְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

אִיךְ ווִיל דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זַיין דָא אַ שַׁמָּשׁ, זָאגְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין הֶפְקֵרוּת, דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ פַאר מִיר; אִיךְ פַאר מִיר וָואלְט גֶעוָואלְט זִיצְן פוּן דֶער זַייט, נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם צוּטוּן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט יָא צוּ זָאגְן אוּן יָא צוּ מָאנֶען, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען וֶוערְט וֵויי גֶעטוּן, בֶּעט אִיךְ דִיר אִיבֶּער מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין אוּן מִיךְ דָן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן אוֹיךְ

זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ טוּן וַוייטֶער פַאר קְהִלָּתֵינוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אַ זִיסֶע יָאר.

...

## תשפ"ה אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: תְּ'הֵא שְׁ'נַת פְּ'שְׁטוּת הַ'יַּהֲדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב', י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קֶען שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף נָאךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה אָנְצוּהוֹיבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג, חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת - קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אַלֶע יָארְן גֶעבֶּעטְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְפַּאסְן דִי אָנְהוֹיב יָאר, מֶען זָאל זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶע צוּ עֶנְדִיגְן פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה, וֶועסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי יֵצֶר הָרָע פוּן עֲבֵירוֹת.

וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת וְכוּ', פָאלְג וָואס צַדִיקִים זָאגְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ גֶעוואוּסְט פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל וָואס זָאגְט מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דַוְקָא פְרַייטָאג, אוּן דָאךְ הָאט עֶר אוּנְז גֶעמוּטִיגְט אַלֶע יָארְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִין דִי בְּרִיווּ אַז מִיר זָאלְן בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ - אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן זוּנְטָאג - מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגֶער ווילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק

לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דָאס זָאל זַיין פוּן דַיינֶע נֵייעֶ קַבָּלוֹת פַאר דִי נֵייעֶ יָאר, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, תַּרְגוּם אוּן רַשִׁ״י, זִיךְ פִירְן ווִי אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן דֶערְמַאנְט אִין אוּמַאן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, תשפ״ה אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת פַּ׳שְׁטוּת הַ׳יְהַדוּת; וַוייל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען יִרְאַת שָׁמַיִם. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַיי׳לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר אִיז אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֶען ווִי פְלַייסִיג זֵיי לֶערְנֶען אוּן ווִי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, וֶוען רֶבִּי מָרְדְכַיי׳לֶע אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: ״נוּ, וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף מַיינֶע בָּחוּרִים?״ הָאט אִים רֶבִּי מָרְדְכַיי׳לֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!״ הֶערְנְדִיג דָאס אִיז דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַיי׳לֶע: ״רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!״ הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ״י!״ דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, אוּן עֶר הָאט נָאכְגֶעפָארְשְׁט בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיבּ זֵיי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ רַשִׁ״י, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נִישְׁט, וַוייל דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פַארְהֶער אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּפְרִי, אוּן עֶס קוּמְט זֵיי נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט וֶוען צוּ קֶענֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, הָאט שׁוֹין דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם פַארְשְׁטַאנֶען אַז רֶבִּי מָרְדְכַיי׳לֶע וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין זַיין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל פַארְהֶערְן זוּנְטָאג, אוּן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין סוּכּוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב', י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**וֶוען דוּ בּוֹיסְט דַיין סוּכָּה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אִין דִי סוּכָּה, זֵיי זָאלְן מִיךְ בֶּענְטְשְׁן", דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.**

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַּאר רֶבִּי נָתָן דִי סוּכָּה, עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן שְׁטַארְק. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נַחְמָן גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן אַז מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה', וָואס פַּאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט".

**וֶוען דוּ שְׁלֶעפְּסְט דִי בְּרֶעטֶער מִיט דִי סְכַךְ וְכוּ' – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין סוּכּוֹת, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעב נָאךְ, בֶּעט אִיבֶּער, פַארְגִין אוּן פַארְגֶעב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב', י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוֹיף אַ שֵׁיינֶע זַאךְ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב פַּאר דַיין וַוייבּ, אַ קְלֵייד אָדֶער אַ צִירוּנְג; אוּן בֶּעט אִיר אִיבֶּער, אוּן הֶער זִיךְ שׁוֹין אוֹיף צוּ קְרִיגְן.

וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי קְרִיגֶערֵייעֶן, דָאס וֶועלְן אוֹיסְפִירְן, דָאס

װעלְן מְנַצֵּחַ זַיין; װיפִיל װעסְטוּ נָאךְ לַיידְן פַאר דִי בִּיסְל תַּאֲוָה פוּן זַיין דֶער װָאס פִירְט אוֹיס? דוּ לַיידְסְט, דַיינֶע קִינְדֶער לַיידְן, יֶעדֶער לַיידְט; גֶעבּ נָאךְ, אוּן בֶּעט אִיבֶּער.

װען מֶען גֶעבְּט נָאךְ - אִיז מֶען דֶער מְנַצֵּחַ, דֶער רֶבִּי הָאט אַלְץ נָאכְגֶעגֶעבְּן אוּן דָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ", אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן אִיךְ װֶועל אוֹיסְפִירְן; מִיט דֶעם װָאס עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט מֶער װִי אֵיין מָאל װָאס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, נָאךְ אֵיין מָאל זָאגְן, אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעוָואלְט פַארְקֶערְט הָאט עֶר גְלַייךְ מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען אוּן נָאכְגֶעגֶעבְּן; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי טוּן, גֶעבּ נָאךְ, בֶּעט אִיבֶּער, פַארְגִין אוּן פַארְגֶעבּ - װֶועסְטוּ זַיין דֶער אֱמֶת'עֶר מְנַצֵּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי כַּוָּנוֹת הַנַּעֲנוּעִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב', י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר דַיינֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ דִי ד' מִינִים, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין סַאךְ אוּן עֶס אִיז אַזוֹי הֵיילִיג; זֵיי זָאלְן אַלֶע זִיךְ קֶענֶען פַארְבֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי ד' מִינִים בַּיי הַלֵּל אוּן בַּיי דִי הוֹשַׁעְנוֹת.

זֶע צוּ בַּאצָאלְן פַאר ד' מִינִים, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכה): "שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִים כְּלָל גֹּדֶל יִקְרַת מַעֲלַת מִצְוַת אֶתְרוֹג", מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן דִי ד' מִינִים, "וַהֲרֵי אָנוּ רוֹאִין שֶׁיִּשְׂרָאֵל מְפַזְּרִים מָמוֹן הַרְבֵּה בִּשְׁבִיל מִצְוָה זוֹ", מִיר זֶעעֶן דָאךְ װִיפִיל גֶעלְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעבְּן אוֹיס פַאר דִי מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג אוּן ד' מִינִים, "יוֹתֵר מֵעַל שְׁאָר מִצְווֹת", מֶען גֶעבְּט אוֹיס מֶער גֶעלְט אוֹיף דִי מִצְוָה װִי מֶען גֶעבְּט אוֹיס אוֹיף אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, "וּבְוַדַּאי לֹא עַל חִנָּם הוּא", דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אוּמְזִיסְט, "מִסְּתָמָא

מִצְוָה זוֹ הוּא יְקָרָה מְאֹד מְאֹד אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר", זֶעט אוֹיס אַז דִי מִצְוָה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע מִצְוָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן, "רַק שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִין גֹּדֶל מַעֲלָתָהּ", נָאר וָואס דֶען, מִיר זֶענֶען אַזוֹי וַוייט פוּן וְויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוֹת, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אִיר טֵייעֶרְקֵייט.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי כַּוָּנוֹת הַנַּעֲנוּעִים; וֶוען מֶען שָׁאקֶלְט צוּ רֶעכְטְס (דָּרוֹם) - הָאט מֶען אִינְזִין 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל גֶעדֶענְקֶען וֶוען עֶס גֵייט מִיר רֶעכְטְס אַז אַלֶעס אִיז דִיר', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקֶלְט צוּ לִינְקְס (צָפוֹן) - בֶּעט מֶען 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַ גַאנְץ יָאר גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵיין לִינְקְס אִיז עֶס אוֹיךְ דוּ', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקֶלְט צוּ פָארְנְט (מִזְרָח) - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען 'עֶס אִיז נִישְׁט מַיין גֶעלוּנְגֶענְקֵייט, נָאר אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקֶלְט אַרוֹיף צוּם הִימְל (מַעְלָה) - זָאל מֶען בֶּעטְן 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, הֵייבּ מִיךְ אוֹיף צוּ דִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע שְׁטוּתִים', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקֶלְט אַרָאפּ (מַטָּה) - זָאל מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, קוּם מִיט מִיר מִיט, לָאז מִיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן גֶעפַאלְן, כִּי לֹא יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח, קֵיינֶער וֶועט דָאךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן פַארְשְׁטוֹיסְן', אוּן וֶוען מֶען שָׁאקֶלְט אוֹיף פַארְקֶערְט (מַעֲרָב) - בֶּעט מֶען 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען אַלֶעס גֵייט מִיר פַארְקֶערְט ווִיל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר'.

מִיר גֶעפִינֶען אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר ווִי דִי תַּלְמִידֵי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פְלֶעגְן זִיךְ צוּפְרֵייעֶן אוּן זָאגְן 'אִילּוּ לֹא בָאנוּ לְעוֹלָם אֶלָּא לְמִשְׁמַע זֹאת דַּיֵּינוּ', וָואלְטְן מִיר נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ הֶערְן דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אִיז אוּנְז שׁוֹין גֶענוּג, אוּן דָאס זָאגְן מִיר אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, וָואלְטְן מִיר נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ הֶערְן דִי כַּוָּנַת הַנַּעֲנוּעִים, ווִי מִיר פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן קֶענֶען זִיךְ אַזוֹי פַארְבֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִין אַלֶע מַצָּבִים, דַּיֵּינוּ - אִיז דָאס שׁוֹין אַלֶעס וֶוערְד.

סוּכּוֹת וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין שְׁטֶעטְל, דִי יָאר חוֹל הַמּוֹעֵד

וֶועלְן מִיר דַאוֶונֶען אִין הֵיכַל רָאזֶענְבֶּערְג. עֶס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר גְּמָרָא צֶען אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן מִיר דַאוֶונֶען, אוֹיךְ וֶועט זַיין אַלֶע נֶעכְט שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס ווילְסְטוּ פוּן דַיין וַוייבּ? זִי אִיז דִיר עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג?!**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב', י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הֶער אוֹיף זִיךְ קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ, הֶער אוֹיף וֵויי טוּן דַיין וַוייבּ, מִיר הָאבְּן יֶעצְט - עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ - זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, מִיר הָאבְּן יֶעצְט צוּגֶעזָאגְט אַז מִיר גֵייעֶן זִיךְ מֶער נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן שׁוֹין בִּיסְטוּ צוּרִיק אִין דִי אַלְטֶע בְּלָאטֶע.

וָואס ווילְסְטוּ פוּן דַיין וַוייבּ? וָואס דֶערְקִיטְשֶׁעסְטוּ אִיר דִי יָארְן? וָואס ווילְסְטוּ פוּן אִיר? זִי אִיז דַיין דִינְסְט? זִי אִיז דִיר עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג?!

אִיךְ וֶועל דִיךְ דַארְפְן פַּארְטְרַייבְּן פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט צוּ זַיין אַ גַּבַּאי אַז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עִיר מִקְלָט וואוּ פַארְבְּרֶעכֶער כַאפְּן זִיךְ אַרַיין; נָאר דֶער וָואס אִיז אֵיידְל, דֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ אוּן רֶעדְט שֵׁיין - קֶען זַיין אִין אוּנְזֶער חֶדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים.

בֶּעט יֶעצְט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, אוּן גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעפַאלְן אוּן אַזוֹי נִידְרִיג; וֵויי טוּן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ, אִיר מַאכְן צַעַר, אִיר מַאכְן וֵויינֶען.

טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף דַיין חַטְאוֹת נְעוּרִים, אוֹיף דִי פְּגָמֵי הַבְּרִית וָואס דוּ הָאסְט אַזוֹי סַאךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, וָואס דִי עֲבֵירָה מַאכְט מֶען זָאל וֶוערְן אַן אָדָם רַע, אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, אַ אִיד הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז זַיין בַּעַל הַבַּיִת שְׁלָאגְט אִים, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֶבִּי קֶען רֶעדְן צוּ אִים; וֶוען יֶענֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים

דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ הָאבּ אַ קַשְׁיָא, עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עֵר וְאוֹנָן (בְּרֵאשִׁית לח, ז), 'וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'', פַארְוָואס שְׁטֵייט 'רַע' בְּעֵינֵי ה' - עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין 'רָשָׁע' בְּעֵינֵי ה'?" אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "וַוייל וֶוער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן עֵר וְאוֹנָן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, וֶוערְט אַ 'רַע' - אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ"; אַלֶע נֶערְוְון קוּמֶען פוּן עֲבֵירוֹת, עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ נֶערְוֶועזְקֵייט, בִּיז יֶענֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, יֶענֶער הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן; אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, (קוּק עֶס נָאךְ אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט).

טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף דַיינֶע חֲטָאִים, וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דוּ וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן דַיין וַוייבּ אוּן זִי וֶועט דִיךְ לִיבּ הָאבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז נֶערְוֶועזְקֵייט אוּן כַּעַס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, פַארְקֶערְט, דָאס אִיז דֶער סִימָן וֶוער עֶס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶער וָואס הִיט זִיךְ נִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר הִיט נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר קוּקְט אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע מָאוִויס - דֶער וֶוערְט אַ נֶערְוֶועזֶער אָנְגֶעצוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אִין דִי סוּכָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב', י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט גֵייעֶן מִיר אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מִיר גֵייעֶן זִיךְ

בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט זַיין זַאךְ אִיז סוּכּוֹת; דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֶבִּי נָתָנְ׳ס זַאךְ אִיז יוֹם כִּיפּוּר, אוּן זַיין זַאךְ אִיז סוּכּוֹת; וַוייל מֶען גֵייט אַרַיין אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס - גֵייט מֶען אַרַיין אִינֶעם פַּאלַאץ פוּן קֶענִיג.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן קִנְאַת הַמַּלְאָכִים זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, וַוייל יֶעדֶע מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אַ הֵיילִיגֶע טָאג אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער טוּעֶן הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וֶוערְט אַ שְׁטַארְקֶע קִנְאָה בַּיי דִי מַלְאָכִים, אוּן זֵיי זוּכְן אַרָאפְּצוּאַווארְפְן דֶעם אִיד אִין כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת. (מֶען קֶען עֶס זֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ, וִוי יֶעדֶע שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת, לֵיל הַסֵּדֶר אוּן סוּכּוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה - וִוי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן בְּכַעַס, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז - בִּיז מֶען קוּמְט צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי ווַייבּ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ), דָאס קוּמְט פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי רֵיין, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן א).

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה זָאלְסְטוּ קִישְׁן דִי וֶוענְט אוּן זִיךְ פַארְבֶּעגְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אִיךְ ווִיל זַיין אַ גַאנְץ יָאר אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר אֲפִילוּ פַאר אֵיין רֶגַע״.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט זַיין זַאךְ אִיז סוּכּוֹת, וַוייל סוּכּוֹת וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט עֶסְן אוּן מִיט שְׁלָאפְן, דִי גַשְׁמִיוּת וֶוערְט אֵיין שְׁטִיק רוּחָנִיוּת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

...

## זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט

זִי שְׁרֵייט קוֹלֵי קוֹלוֹת...

"פַאר דֶעם אֶתְרוֹג הָאסְטוּ פַארְקוֹיפְט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָּׁה תְּפִילִין פוּן דַיין טַאטְן, אוּן וֶוען אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מִיר הוּנְגֶערְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֶסְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט פַארְקוֹיפְן דִי יְרוּשָּׁה תְּפִילִין הָאסְטוּ דָאס נִישְׁט גֶעטוּן?" זִי שְׁרֵייט אוּן זִי לוֹיפְט אַהִין אוּן צוּרִיק, זִי זוּכְט דִי אֶתְרוֹג...

דֶער צַדִיק רֶבִּי מִיכְל'ע זְלָאטְשׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּב, עֶר הָאט פַארְמָאגְט אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר, דִי תְּפִילִין פוּן זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן, דֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק דְרוֹבִּיטְשֶׁער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי תְּפִילִין אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּבְ'עֶ תְּפִילִין, גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים הָאבְּן דָאס גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן אוּן בַּאצָאלְן פַאר דֶעם אַסַאךְ גֶעלְט.




אִיךְ רֶעג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף...

אָן אַ שִׁיעוּר מָאל פְלֶעגְט זַיין וַוייבּ וֵויינֶען צוּ אִים: "אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ פַארְקוֹיפְן דִי תְּפִילִין און מִיט דִי גֶעלְט וֶועלְן מִיר קֶענֶען קוֹיפְן עֶסְן פַאר אונְזֶערֶע קִינְדֶער?" און דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין.

בִּיז אֵיין יָאר עֶרֶב סוּכּוֹת, דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג מִיט אַ לוּלָב, הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין און מִיט דִי גֶעלְט הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט אַן אֶתְרוֹג. וֶוען דִי רֶעבֶּעצִין הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז זִי גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "פַאר דֶעם אֶתְרוֹג הָאסְטוּ פַארְקוֹיפְט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָׁה תְּפִילִין פון דַיין טַאטְן, און וֶוען אִיךְ בֶּעט דִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מִיר הוּנְגֶערְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֶסְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, און אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט פַארְקוֹיפְן דִי יְרוּשָׁה תְּפִילִין – הָאסְטוּ דָאס נִישְׁט גֶעטוּן?" זִי שְׁרֵייט און זִי לוֹיפְט אַהִין און צוּרִיק, זִי זוּכְט דִי אֶתְרוֹג, בִּיז... אוֹי וֵויי, זִי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בַּייס אִינֶעם אֶתְרוֹג, זִי הָאט אַרָאפְּגֶעבִּיסְן דִי פִּטוּם און אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם אֶתְרוֹג אוֹיף דֶער עֶרְד, דִי אֶתְרוֹג אִיז גֶעוָוארְן פָּסוּל.

דֶער צַדִיק הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט און זָאגְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ נֶעם אָן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַז מַיין אֶתְרוֹג אִיז פָּסוּל, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז און אִיךְ בְּלַייבּ פְרֵיילִיךְ".

אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, דֶער צַדִיק שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה און עֶר חָלוֹמְ׳ט זִיךְ אַז זַיין הֵיילִיגֶער טַאטֶע זָאגְט אִים: ״מִיכְל׳עֶ מִיכְל׳עֶ, אִין הִימְל אִיז מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, נָאךְ מֶער ווִי דִי מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט פַארְקוֹיפְט דִי תְּפִילִין צוּ קֶענֶען קוֹיפְן ד׳ מִינִים״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיב עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט ווִי מִיר ווִילְן גֵייעֶן מִיר גֶעדֶענְקֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, ווִי זֵיי בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען מֶען נֶעמְט זֵיי אַלֶעס צוּ, און מִיר גֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר גֵייעֶן בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ.